№ 51 — פרייז 20 גראָשען. — "CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

ערשיינט יעדען פרייטאַג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

אַבאָנעמענטס-פרייז: אַ נומער 20 גראָשען.
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, dnia 18 grudnia 1931 — ליכט-צינדען 3.08 — פרייטאָג, פ׳ ויגש ח״ טבת תרצ״ב.

צו דער חתונה פון מיין קוזין **אברהם זשאַרנאָוויעצקי** מיט פרייליין **נאטשע קראַקאָווסקאַ**, וועלכע איז פאָרגעקומען דינסטאַג, דעם 8-טען דעצעמבער 1931, א האַרציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט
ווינשט **סרולעק זיידבאַנד.**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליעבער פריינדין **רוזשקע אפמאַן** מיט ה׳ **בערעק וויינריב**, אונזער האַרציגסטען מזל-טוב, זאָל זייער צוקונפט זיין בעשטראַהלט מיט גליק און פולקאָמער צופרידענהייט.
יוסף גאָלדבערג און פרוי,
יוסף שענוואַלד און פרוי.

ערקלערונג.

דערמיט בין איך מודיע, אַז מיט די איצטיגע אויסגאַבע פון „טשענסטאָכאָווער יודישען קוריער" האָב איך קיין שום שייכות נישט.
משה לייב לעווענשטיין.

צו די ג׳ קונדשאַפט!

איך בין מודיע די ג׳ קונדשאַפט, אַז מיין ערשטקלאַסיגע ווערקשטאַט פון
ראַמען - בעקליידונג
וואָס האָט זיך געפונען אויף וואַרשאַווער 30 **איז איבערגעטראָגען געוואָרען**
אויף **בערעק-יאָסעלעוויטש גאַס 2**
(פריהער אָגראָדאָווע 15)
און עמפפעהלט זיך ווייטער די געעהרטע קונדשאַפט
מיט אַכטונג:
א. פיליכאָווסקי
בערעק-יאָסעלעוויטש גאַס 2,
צווייטער שטאָק, פראָנט.

Szkoła tańców

baletm. **K. KOSTECKIEGO**
w lokalu własnym **Waszyngtona 6**
uczy Ostatnie Nowości sezonu „Rumba"
Tango argentino, Fox Step, Walc-boston
i inne, w kompletach i pojedyńczo,
Zapisy na kursy I II - III Mazura codz.
od 10 rano do 9 wiecz.
פראַקטישע לעקציעס יעדען שבת 8 אָוועגד
לעצטע מוזיק-שלאַגערס. — פאַר פרויען—הנחה.

היינט, פרייטאָג 18 ד. ח.

צום ווינטער = סעזאָן 1931-32!

איז דאָס **פוטער-געשעפט**
פון **מיכאל איידעלמאַן**
פילסודסקי 5, פראָנט ערשטער שטאָק, טעל. 305
פערזעהען מיט אַ גרויסען אויסוואַהל פון אַלעראַרט פוטער - סחורה און איינצעלנע פעל, בלאַמען.
פערטיגע ראַמען און מענער - פעלצען.
אין מיין ערשטקלאַסיגען קירשנער-ווערקשטעל ווערען אויסגעפערטיגט אַלערליי בעשטעלונגען, שנעל, רעיעל, לויט די נייעסטע מאָדען, אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט.

טעלעגראַמע!

די וועלט בעוואוסטע פירמאַ „SCHROLL"
האָט-ענאָרם **רעדוצירט די פרייזען**
פון זעמטליכע
ווייס וואַרען אויף וועש און בעטציג.
"Schroll" אויסאַרבייטונגען קאָנווינירען יעצט צו קויפען געגען אַנדערע קאָנקורענץ סחורות.
איידער איהר קויפט קוקט אָן די אויסאַרבייטונגען
פון דער פירמאַ „SCHROLL" אין קאָמיסיאָנס-לאַגער
H. A. Librowicz, I Aleja 12.

אויפמערקזאַם!

שעהנע **אָנדולאַציע**
און **מאַניקיר**
אין פריזיר-אַנשטאַלט
שמעון ניישטעטער, ספּאַדעק 9.

אַ גוט - רוטינירטע בוכפיהרערין

קאָרעספּאָנדענטין
שרייבט אויף מאַשין זוכט בעשעפטיגונג
פאַר שעה׳דיגע אַרבייט. ערקונדיגען אין רעד. פאַר ג. מ.

אַ אָרענטליכער יונגע

ווערט געזוכט
אין בערשטען-געשעפט, 1-טע אַלעע 3.

אַ טיכטיגען אינקאַסענט

זוכט די תלמוד-תורה „מחזיקי הדת"
פון זאָנטאַג פ׳ ויחי
צו מעלדען זיך אין דער קאַנצעלאַריע, נאַדרזשעצנע 42
(פריהער 50).

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער ליעבען חבר
יוסף יורקעוויטש
צוליעב׳ן טויט פון זיין ליעבער מוטער
נ״ע חנה ליבה
זייט געטרייסט!
נתן גערשאָנאָוויטש, עוזיאל גראַנדאַפעל,
ישראל דאַנציגער, יעקב יאָזשאָמבעק, יוסף
פלאַצקער, לייביל פּראַדעלסקי, משה פישאָף.

מיין פריינד און חבר
יוסף יורקעוויטש ווי אויך **דער פאַמיליע**
צוליב׳ן טויט פון זייער מוטער
חנה ליבה נ״ע
מיין טיעפסטען מיטגעפיהל
מרדכי קויפמאַן.

דער שווער-געטראָפענער **פאַמיליע יורקעוויטש**
צוליעב׳ן טויט פון זייער אונפערגעסליכער פרוי און מוטער
נ״ע חנה ליבה
דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען מיטגעפיהל.
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
געברידער לעווקאָוויטש

Najgłębsze współczucie wyrażamy Koledze naszemu
Wolfowi Najmanowi z powodu zgonu
b. p MATKI
Regina Dawidowicz i Guta Kraszkowska.

Koleżance **ITCE** z powodu zgonu matki Jej
B. P. CHANY NAJMAN
przesyłamy Jej oraz pozostałej RODZINIE wyrazy szczerego współczucia.
Okrętówna, Grynberżanka,
Hauptmanówna, Fuksówne,
Baumówna, Altmanówna i Landauówna.

אונזער חבר און פריינד **ישראל חיים ניימאַן** און פאַמיליע צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכע מוטער
נ״ע חנה ניימאַן
דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
דוד וואַידיסלאַווסקי, חיים לעווקאָוויטש,
וואָלף יאַרקאָוויזנאַ.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאַמיליע
ניימאַן
צום פריהצייטליגען טויט פון זייער פרוי און מוטער
נ״ע חנה
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
ברעסלוי. **א. קעמפינסקי** און פרוי.

Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.
Przedstawiciel na okręg Częstochowski:
I. Lewkowicz, Częstochowa, Krakowska 15.

בזה הננו מביעים את רגשי השתתפותנו החמה בצערו הגדול של אחינו **צבי** למות עליו אמו
נ״ע חנה ניימן
„ברית תרומפלדור" קן בצ׳נסטוכובה
וכתה „לבנון".

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר **וואָלף ניימאַן** צוליעב׳ן טויט פון זיין הייס געליבטער מוטער נ״ע **חנה ניימאַן**
זאָלסט אין דיין ווייטערדיגען לעבען אַ טרייסט געפונען.
ענזעל רייזמאַן, יצחק נודעלמאַן
און אליהו גאָלדבערג.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער **פאַמיליע ניימאַן** צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכער מוטער נ״ע **חנה ניימאַן**
זאָל איהר די ערד גרינג זיין.
גוטעק פרידמאַן און פרוי, נחמן מיסקע.

מיט טיעפען צער און טרויער זענען מיר מודיע וועגען פריהצייטיגען טויט פון אונזער הייסגעליבטער פרוי און מוטער
נ״ע חנה ניימאַן
די לויה איז פאָרגעקומען פרייטאָג, דעם 11 דעצעמבער 1931 י.
(א טבת תרצ״ב).
גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אַ דאַנק די אַלע, וועלכע האָבען אָבגעגעבען דעם טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד.
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
מאַן, טעכטער, זיהן, שוועסטער און **ברודער.**

וואָך = נאַטיצען.

דעם גרעסטען אינטערעס צווישען די האַנדעלס און אינדוסטריע-קרייזען אין פּוילען האָט געוויס אַרויסגערופען דער רעגירונגס-פּראָיעקט וועגען רעפאָרמירען דעם אומזאַץ-שטייער און דאָס העכערן און איינפיהרען אַגאַנצע רייהע נייע שטייערן.

בנוגע דעם אומזאַץ-שטייער איז דאָך איצט שוין בעוואוסט און די רעגירונגס-קרייזען ווייסען דאָך אויך, אַז דער סיסטעם אויף וועלכען דער דאָזיגער שטייער איז אָהערגעשטעלט געוואָרען איז אין גרונד פאַלש, און אַזוי דאָס סוחר'טום ווי די פאַבריקאַציע קען ביי דעם דאָזיגען סיסטעם נישט עקזיסטירען, ווייל זיי ווערען אומבעדינגט צופיעל בעלאַסטעט.

טראָץ דעם קען אָבער די רעגירונג, נישט אינגאַנצען אָבשאַפען דעם אומזאַץ-שטייער, וועלכער פערנעמט דעם וויכטיגסטען פּלאַן און די שטייערן, וואָס בילדען דעם הכנסה-טייל פון מלוכה-בודזשעט, נישט האָבענדיג פריהער בעשטימט קיין אַנדערע קוועלע, וואָס זאָל דעקען די הכנסות, וועלכע וועלען פערקלענערט ווערען מיט'ן אָבשאַפען אָדער רעפאָרמירען דעם אומזאַץ-שטייער.

מיר זעהען דעריבער, אַז גלייכצייטיג מיט'ן רעפאָרמירען דעם אומזאַץ-שטייער, וועלכער וועט נאָך די דאָזיגע רעפאָרמען ברענגען אַ קלענערע הכנסה, האָט די רעגירונג געמוזט איינפיהרען נייע שטייערן, אָדער פערגרעסערן איינינגע עקזיסטירענדע שטייערן, כדי צו דערהאַלטען דעם גלייכגעוויכט פון בודזשעט.

מיר ווילען זיך דאָ נישט אָבשטעלען בפרטיות און בעהאַנדלען דעם נייעם רעגירונגס-פּראָיעקט, וועלכען דער סיים האָט שוין אָנגענומען בנוגע דעם אומזאַץ-שטייער און בעווייזען אויף וויפיעל עס וועט באמת פערלייכטערן די סוחרים און פאַבריקאַנטען, ווייל גענוג איז אין דער הינזיכט שוין אָנגעוויזען געוואָרען דורך די פערשידענע רעדנער אויף דער סיים-זיצונג, אויף וועלכער די דאָזיגע פראַגע איז בעהאַנדעלט געוואָרען. כמעט אַלע פאַרשטעהער פון די אָפּאָזיציע-קלובען און אויך די פאַרשטעהער פון דער יודישער סיים-קאָלאָ, דעפּ. ד"ר ראָטענשטרייך, האָבען בעוויזען, אַז די פערלייכטערונגען אין דער הינזיכט, איבערהויפּט פאַר יודען זענען אַזעלכע מינימאַלע, אַז עס לוינט זיך כלל נישטוועגען זיי אָבצושטעלען, אָבער דאָס איז דאָך טאַקי דערפאַר, ווייל ווי מיר האָבען שוין בעמערקט קען דאָך די רעגירונג קיין פאַקטישע פערלייכטערונגען נישט מאַכען, אויב די אויסגאַבען פון בודזשעט ווערען נישט פערקלענערט און זי מוז האָבען מיטלען די אויסגאַבען צו דעקען.

עס איז בלויז נישט צו פערשטעהן פאַרוואָס די רעגירונג נעמט נישט אָן דעם פּרינציפּיעלען, גרונדליכען יסוד צו ענדערן דעם אומזאַץ-שטייער לויט ווי עס איז שוין פיעל מאָל אָנגעוויזען געוואָרען, אַז דער דאָזיגער שטייער זאָל גענומען ווערען בלויז פון די ערשטע פּראָדוצענטען, וואָס שאַפען די רויה-שטאָפען פאַר פאַבריקאַציע, און פון די אימפּאָרטערען וואָס פיהרען אריין געוויסע פּראָדוקטען פון אויסלאַנד, פון די דאָזיגע „ערשטע הענד" וואָלט די רעגירונג געקענט נעמען אַזאַ שטייער-צענז וועלכער זאָל דעקען דעם גאַנצען אומזאַץ-שטייער, וואָס ווערט ביז-איצט גענומען פון אַלע ווייטערע גרעסערע און קלענערע אונטערנעהמער, אַזוי אַז די רעגירונג וואָלט געהאַט דאָס איהריגע. און אויב דער שטייער וואָלט געבראַכט אַ קלענערע הכנסה, וואָלט זיך די רעגירונג ווידער געקענט איינברענגען פיעל אויסגאַבען ביים איינקאַסירען דעם שטייער, ווייל זי וואָלט נישט געדאַרפט האַלטען אַזוי פיעל שטייער-בעאַמטע, אין דער צייט ווען די צאָהל שטייער-צאָהלער וואָלט זיך קאָלאָסאַל פערקלענערט.

דאָס אַדורכפיהרען די דאָזיגע גרינדליכע ענדערונג און דעם סיסטעם פון אומזאַץ-שטייער וואָלט, ווי געזאָגט, דער רעגירונג קיין קלענערע הכנסה נישט געבראַכט און פאַר די צאָהלער וואָלט דאָס געווען פיעל בעקוועהמער ווייל די קלענערע סוחרים און בעלי-מלאכות, וואָלטען אַזוי אַרום בעפרייט געוואָרען פון די שטענדיגע שרעק פאַר'ן עקזעקוטאָר, פאַר די ליציטאַציעס און זאַיענטשעס וואָס עס שטערט זיי זעהר פיעל צום פּראָיענטירען זיך מיט זייערע אונטערנעהמונגען און שאַדט זייער עקזיסטענץ.

עס איז דאָך אויך בעוואוסט, אַז אַ גרויסער און אָפשר די גרעסטע צאָהל שטייער-צאָהלער, ווערט שטאַרק בעעול'ט דורך די אונריכטיגע אָבשאַצונגען וועלכע שטיצען זיך עפ"י רוב אויף נישט-בעגרינדעטע אינפאָרמאַציעס, וואָס עס רופט אַרויס אַ פערשטענדליכע פערביטערונג און אַ לויפעניש מיט רעקורסען און אַדוואָקאַטעס, מיט שתדלנות ביי די „זיצערס", וועלכע האָבען אַזוי אַרום דעם גאַנצען איינפלוס אויף די צאָהלער און דאָס דערפיהרט צו נישט-נאָרמאַלע און קרענקליכע ערשיינונגען, צו לאַפּובקעס און אינטערווענצען פון „בעלי-טובות" און דאָס אַלץ וואָלט אויסגעמיטען געוואָרען ווען עס זאָל איינגעפיהרט ווערען צו נעמען דעם שטייער, נאָר פון דער ערשטער האַנד, וועלכע וואָלט געפיהרט אַפּיציעלע האַנדעלס-ביכער און דער אומזאַץ וואָלט בעשטימט געוואָרען נישט דורך קיין שאַצונגען און השערות, אָבער דורך מיינונגען פון די „זיצערס" וועלכע האָבען פיעל מאָל אַ פּערזענליכע כוונה יענעם „אַריינצולעגען" אָדער פערקעהרט צו שטאַרק צו שיצען—נאָר דער אומזאַץ וואָלט געווען אַ פאַקטישער לויט ווי עס וואָלטען אויסגעוויזען די ריכטיגע אַפּיציעלע האַנדעלס-ביכער.

דאָס איז דער איינציגער נאָרמאַלער וועג, אויף וועלכען מען דאַרף געהן, אויב מען וויל דעם אומזאַץ-שטייער פאַקטיש רעפאָרמירען און אַז עס זאָל נישט טראַגען אַזאַ לאַסט-כאַראַקטער פאַר די צאָהלער ווי ביז-יעצט. און עס איז צו האָפען, אַז ענדליך וועלען די מאַסגעבענדע קרייזען נעמען אין אכט די גערעכטע פאָדערונגען אוי' דעם געביעט און וועלען זיך שטעלען אויף דעם דאָזיגען איינציגען ריכטיגען שטאַנדפּונקט בנוגע דעם רעפאָרמירען פונ'ם אומזאַץ-שטייער.

י. פּ.

אויסערגעוועהנליכע זיצונג פון נייעם קהלה-ראַט

שבת אָווענד איז אין קהלה-לאָקאַל פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די ניי-געוועהלטע פרנסים, וועלכע עס האָט צונויפגערופען דער פּרעזעס פון קהלה-ראַט ה' וועקסלער.

צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען די ציוניסטען, מזרחי, האַנדווערקער, קליינהענדלער און פ. לובאַרט פון די פילצער חסידים, צוזאַמען 11 פּערזאָן. עס זענען נישט געקומען די פאַרשטעהער פון דעמאָקראַטען, אגודה, אומפּאַרטייאישע חסידים און איינער פון די פילצער, צוזאַמען 7.

פּרעזעס וועקסלער עפענט די קאָנפערענץ און ערקלערט, אַז ער האָט צונויפגערופען די פרנסים, כדי זיך צו בעראַטען וועגען דער שטעלונג פון ראַט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געשאַפענער לאַגע, וואָס דאָס פּרעזידיום פון דער פערוואַלטונג, איז אויסגעוועהלט געוואָרען מיט אַ זעהר קליינע צאָהל שטימען, וואָס גיט נישט די מעגליכקייט אַז די פערוואַלטונג זאָל קענען נאָרמאַל אַרבייטען, דעריבער איז ה' וועקסלער אין דער מיינונג, אַז ער דאַרף רעזיגנירען פון זיין אַמט אַלס פּרעזעס פון ראַט. דערפאַר גיט ער צו, אַז אויך דער וויצע-פּרעזעס פון ראַט, ד"ר סט. קאַהן, האָט בדעה צו רעזיגנירען.

פרנס ד"ר בראַם זאָגט זיך אַרויס געגען דער רעזיגנאַציע פון ה' וועקסלער, דערביי קריטיקירט ער זעהר שאַרף די דעמאָקראַטען און אגודה, וועלכע האָבען צוזאַמען ביי אַ קליינע מינדערהייט אָנגענומען די פּרעזעסור פון דער פערוואַלטונג, בעקומענדיג נישט מעהר ווי 5 שטימען.

פרנס פרידמאַן (האַנדווערקער) האַלט אַז די פראַגע וועגען דער רעזיגנאַציע פון קהלה-פּרעזעס איז פריהצייטיג, ווייל עס איז נאָך נישט בעוואוסט צו ער וועט בעשטעטיגט ווערען און ערשט שפּעטער וועט די פראַגע זיין אַקטועל. וואָס שייך די פּרעזידיום-וואַהלען פון דער פערוואַלטונג, מוז מען אָבוואַרטען. מעגליך, אַז זיי וועלען ווי געהעריג אַרבייטען, דערווייל איז אַ אונזין, אַז ה' וועקסלער זאָל רעזיגנירען פון זיין פּרעזעס-אַמט. אויך פרנס לובאַרט, (פילצער חסידים) זאָגט זיך אַרויס געגען רעזיגנאַציע.

פרנס וואַרשאַווסקי, (מזרחי) לעזט דאָן אַ בריעף, וואָס פרנס קאַבלינץ, (מזרחי) האָט צוגעשיקט צו דער קאָנפערענץ, אין וועלכען ער שרייבט, אַז עס איז געשעהן אַ נבלה, דאָס וואָס אין דער שפּיץ פון דער יודישער קהלה, האָט זיך געשטעלט אַ מענש, וואָס איז נישט רעליגיעז און אויך נישט נאַציאָנאַל. מילא אויף דער אגודה איז נישט קיין וואונדער, ווייל זיי האָבען אמאָל געמאַכט דאָס עגל, אָבער ה' ראָזענבערג, וועלכער האָט אַ בונדיסטישע אידעאָלאָגיע, אפשר איז ער אַ אָרענטליכער מענש, אָבער ער מוז אויך זיין אַ נאַציאָנאַלער, רעליגיעזער יוד. און ה' קאַבלינץ זאָגט אָן אַ שאַרפען קאַמף דעם נייעם פּרעזידיום.

פרנס שפּירא, האַלט אַ לענגערע רעדע, וואו ער גיט אַ איבערבליק פון דעם געשאַפענעם דעמאָקראַטישען בלאָק און גיט אַ שאַרפע קריטיק די גאַנצע אַרבייט פון דאָזיגען בלאָק. די פרנסים פון דעמאָקראַטישען בלאָק זענען צו דער זיצונג נישט קומען, ווייל אויך זיי זענען נישט מסכים מיט דער פּאָליטיק פון די דעמאָקראַטען און וועלען דעריבער רעזיגנירען פון זייערע אַמטען.

צום סוף לייגט ה' שפּירא פאָר, אַז די פרנסים זאָלען פּראָטעסטירען געגען דעם, וואָס די דעמאָקראַטען און אגודה האָבען געהאַט די דרייסטקייט אָנצונעמען די מאַנדאַטען אין פּרעזידיום מיט עטליכע שטימען.

ה' וועקסלער דאַרף אַלס פּרעזעס פון ראַט נישט רעזיגנירען, דערפאַר דאַרף אָבער דער ראַט פּראָטעסטירען געגען די פּרעזידיום-וואַהלען פון דער פערוואַלטונג.

פ. שטילער טאַדעלט די דעמאָקראַטישע פרנסים, וואָס זענען נישט געקומען צו דער קאָנפערענץ, נישט ווילענדיג אויסהערען די ריכטיגע קריטיק געגען זיי, ער אַרבייט שוין 30 יאָהר געזעלשאַפטליכע אַרבייט און איז קיינמאָל נישט געלאָפען וועגען קיין בענקעל, איבערהויפּט אָנצונעמען דעם אַמט אַלס פּרעזעס פון דער פערוואַלטונג מיט 5 שטימען. פאַר די קהלה-וואַהלען—זאָגט ה' שטילער—האָט ד"ר סטעפאַן קאַן פון די דעמאָקראַטען, איהם געזאָגט, אַז די דעמאָקראַטישע גרופּע אַליין מיט איהר ענטשטעהונג האָט די אויפגאַבע צו בעקעמפען די אגודה און איצט האָט זי אַליין איינגעפיהרט אַ אגודה'שען וויצע-פּרעזעס פון דער פערוואַלטונג, דאָס איז דאָך אַ פעררעט, וועלכער מוז אומבעדינג בעקעמפט ווערען.

וועגען דער רעזיגנאַציע פון ה' וועקסלער—זאָגט ה' שטילער—אַז טראָץ דעם וואָס ער האָט איהם נישט געוועהלט, נישט זייענדיג אָנוועזענד אויף דער קאָנסטיטואירענדער זיצונג פון ראַט, בויגט ער דעם קאָפּ פאַר'ן פּרעזעס וועקסלער, וועלכער דאַרף בלייבען אויף זיין פּאָסטען, ער איז דערפאַר, אַז דער ראַט זאָל אַרויסגעבען אַ פּראָטעסט געגען די וואַהלען פון פּרעזידיום פון דער פערוואַלטונג.

פרנס דזיאַלאָווסקי זאָגט, אַז ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט אַז מען וועט רופען אַ קאָנפערענץ וועגען די דאָזיגע פראַגען. ערשטענס איז דאָס נישט קיין בערעכטיגטע זיצונג, ווייל דאָס פּרעזידיום פון ראַט איז נאָך נישט בעשטעטיגט און אויב מען האָט געגריפען אַ זיצונג האָט ער געטראַכט אַז מען האָט דאָס פּרעזידיום נישט בעשטעטיגט און מען געהט וועהלען אַ צווייטען פּרעזעס, אויב דאָס איז נישט אַזוי האַלט ער, אַז דאָס אַלץ וואָס מען האָט דאָ גערעדט איז פריהצייטיג.

פרנס קאַהן איז אויך דערפאַר, אַז עס איז צו פריה צו רעדען וועגען פּראָטעסטען געגען דעם פערוואַלטונגס-פּרעזידיום, איידער עס איז נאָך נישט בעוואוסט צי זיי וועלען בעשטעטיגט ווערען,

פרנס וואַרשאַווסקי גיט אַ ערקלערונג אַז דער „מזרחי" איז דערפאַר, אַז ה' וועקסלער זאָל זיך פון זיין אַמט אַלס פּרעזעס פון קהלה-ראַט נישט אָבזאָגען, פערקעהרט, זיי זענען דערפאַר, אַז ער זאָל יאָ בלייבען אויפ'ן אַמט.

פרנס שפּירא טראָגט אריין אַ פאָרשלאַג, אַז עס זאָל אָנגענומען ווערען אַ פּראָטעסט-רעזאָלוציע געגען דעם פּרעזידיום פון דער פערוואַלטונג. אויך דר. בראַם איז פאַר אַזאַ פּראָטעסט-רעזאָלוציע.

פרנס לובאַרט (פילצער חסידים) איז געגען אַזאַ רעזאָלוציע. מיר וועלען יעדענפאַלס פאַר אַזאַ רעזאָלוציע נישט שטימען, ווייל אונזער פערטרעטער האָט אין דער פערוואַלטונג געשטימט פאַר'ן פּרעזידיום.

פרנס דזיאַלאָווסקי (האַנדווערקער) גיט אַ ערקלערונג, אַז זיין פראַקציע

(סוף—זייט 5.)

די פערפאַלגטע. (33

ראָמאַן פון יודישען לעבען אין איטאַליע, אין 19-טען יאָהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך י. געלזאָהן.

(פאָרטזעצונג).

אין אָנפאַנג האָט אהרן פעלדמאַן זיך דערשראָקען הערענדיג ווי מענשען געהען צו זיין אונטערערדישען קעלער, ער האָט געמיינט, אַז ס'איז געקומען די צייט, ווען מען געהט איהם אַרויפנעהמען און הרגענען, ווייל וועגען רעטונג האָט איהם אויפ'ן געדאַנק נישט געקענט קומען.

אָבער דער דאָזיגער מענש, וואָס איז די גאַנצע 5 יאָהר געווען אַדורכגעדרינגען מיט'ן פעסטען גלויבען, אַז גאָט וועט איהם העלפען און בעפרייען פון זיין געפענגניש, האָט אויך יעצט נישט פערלוירען די האָפנונג, ער האָט נאָך מעהר אָנגעשטרענגט זיין געהער און צו זיינע אויערען זענען דערגאַנגען מענשליכע קולות.

געפונט זיך דען עמיצער אין דעם דאָזיגען איינזאַמען קעלער?—האָט ער געהערט ווי איינער פרעגט.

איך ווייס נישט, אייער היילינקייט—האָט מען געענטפערט.

אָבער עס איז דאָך צו דערקענען מענשליכע טריט אויף דעם אָרט. ווער קען זיין דאָ אַהערגעגאַנגען אויב נישט דו?

דאָס ווייס איך נישט, ביי אַלעם הייליגען, איך ווייס נישט.

פעלדמאַן האָט געהערט דאָס געשפּרעך, ביי איהם איז שוין קיין צווייפעל נישט געווען, אַז די מענשען קומען איהם ראַטעווען און ער איז פון דעם געוואָרען אַזוי איבעראַשט, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדען, ער האָט געוואָלט שרייען, רופען צו הילף, אָבער אַלץ איז אין איהם ווי פערשלאָסען געוואָרען.

דערווייל איז אונטער דער טיער ווייטער פאָרגעקומען פאָלגענדעס:

די גייסטליכע, וואָס האָבען קאָנטראָלירט דעם קלויסטער מיט'ן נונציוס יאָהאַן אין דער שפּיץ האָבען געהאַט אַ פאָרגעפיהל, אַז אין קעלער געפונט זיך אַ לעבעדיגער מענש און זיי האָבען בעשלאָסען דעם קעלער צו עפענען און זעהען ווער דאָרט געפונט זיך.

נונציוס יאָהאַן האָט זיך געווענדעט צום וועכטער, זאָגענדיג:

גיב אונז דעם שליסעל פון קעלער.

איך האָב איהם נישט, אייער האָהייט.

וואָס חייסט דו האָסט נישט דעם שליסעל, אַלע שליסלען האָסטו און גראַד דעם נישט?

שוין יאָהרען לאַנג ווי איך האָב דעם שליסעל פון דאָנען נישט געהאַט, ווייל קיינער געפונט זיך דאָ נישט.

אַ לענגערע צייט האָבען זיי געטראַכט וואָס צו טהון, אָבער ענדליך האָט יאָהאַן געזאָגט, אַז מען מוז רופען עטליכע אַרבייטער, וואָס זאָלען די טהיר פון קעלער אויפברעכען.

אָבער דאָס איז אַ זעהר שווערע זאַך—האָבען די אַנדערע גייסטליכע געזאָגט—די אייזערנע טיער איז שוין, ווייזט אויס, פיעל יאָהרען נישט געעפענט געוואָרען און עס וועט זיך'נישט איינגעבען אַזוי שנעל זי צו עפענען אָהן שליסעל.

זיי האָבען זיך אָנגעהויבען קווענקלען וואָס צו טהון און חאָבען שיין באַלד גערעכענט אָבצולאָזען פון דעם קעלער, אָבער גראַד אין דער מינוט האָט איינער אויסגערופען:

זייט נאָר שטיל. מיר שיינט, אַז איך הער דאָרט קרעכצען.

אַלע זענען שטיל געוואָרען און זיך צוגעבויגען צו דער פעסטער אייזערנער טיער און באַלד האָבען זיי בעשטעטיגט, אַז עס הערט זיך אין קעלער דאָס קרעכצען און זיפצען פון אַ מענש.

יאָ, דאָרט געפונט זיך אַ לעבעדיג נפש—האָט נונציוס יאָהאַן אויסגעשריגען—מיר מוזען איהם ראַטעווען.

זיי זענען אַוועק זיך בעראַטען ווי אַזוי צוצוטרעטען צו דער אַרבייט אויפצורייסען די טיער. באַלד האָבען זיי געשאַפען עטליכע אַרבייטער פון די, וואָס געפונען זיך אין קלויסטער, וועלכע זענען אַוועק צוזאַמען מיט די גייסטליכע און עס האָט זיך אָנגעהויבען די אַרבייט.

אהרן פעלדמאַן איז אינצווישען צו זיך געקומען, ער האָט זיך בערוהיגט פון דער ערשטער אויפרעגונג און ער האָט שוין געקענט טראַכטען וועגען זיין לאַגע און הערענדיג ווי די אַרבייט ביי דער טיער הויבט זיך אָן האָט ער פערשטאַנען, אַז דאָס קומט מען אויפרייסען די טיער און איהם בעפרייען.

אין אָנפאַנג האָט ער זיך נישט אַריענטירט, אַז ער דאַרף שרייען און רופען צו הילף, אָבער זעהענדיג, אַז די אַרבייט געהט צו זעהר שווער און די אַרבייטער שטעהען אָב, האָט ער פערשטאַנען, אַז ער דאַרף שרייען און ער האָט דעריבער אָבגעהאַלטען מיט זיינע שוואַכע כוחות צו שרייען יאָמערליך און רופען צו הילף.

ראַטעוועט אַ לעבעדיגען מת—האָט ער אויסגעשריגען—שוין 5 יאָהר ווי איך בין לעבעדיג בעגראָבען, קוים וואָס מיין נשמה אָטעמט נאָך, איך בין אומשולדיג!

די גייסטליכע מיט די אַרבייטער אונטער דער טיער, הערענדיג דאָס שרעקליכע רופען צו הילף, וואָס איז געקומען פון קעלער, האָבען נאָך מעהר אָנגעשטרענגט זייערע כוחות, מען האָט געבראַכט נייע מכשירים און פערשידענע אינסטרומענטען, מיט וועלכע מען האָט זעהר ענערגיש געאַרבייט און ענדליך נאָך עטליכע שעה שווערע אָנשטרענגונגען האָט זיך די טיער געעפענט.

פאַר די אָנוועזענדע האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ שוידערליך בילד אין אַ ענגען פינסטערען קעלער, אָהן לופט און אָהן ליכט איז געלעגען אויף דער ערד עפּיס אַ געשטאַלט פון אַ מענש, וועלכער האָט אויסגעזעהען ווי אַ ווילדע חיה, בעוואַקסען מיט ווילדע לאַנגע האָר איבער דעם גאַנצען קערפּער, די מלבושים אויף איהם זענען געווען אינגאַנצען צופוילט און זיין שוואַרץ לייב האָט געהאַט אַ מורא'דיגען אויסזעהען.

ווען מען האָט געעפענט די טיער און ס'איז אַריין אין קעלער אַ שטראַהל ליכט, האָט דער אומגליקליכער נישט געקענט דאָס ביישטעהן. ער האָט מיט זיינע שמוציגע הענד פערשטעלט די שטאַרק-פערוואַקסענע אויגען און ער האָט בלויז שווער געזיפצט.

די גייסטליכע האָבען זיך צוגעקוקט ווי דער מענש ראַנגעלט זיך און זייער האַרץ איז צושניטען געוואָרען. באַלד האָט נונציוס יאָהאַן בעפוילען אַז עטליכע אַרבייטער זאָלען איהם נעמען אויף די הענד און אַרויסטראָגען פון קעלער.

אַרויסקומענדיג אויף דער לופט האָט דער אומגליקליכער אָנגעהויבען קומען צו זיך. יאָהאַן האָט געהייסען ברענגען גוטען וויין, אויך איז באַלד געקומען אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך בעמיהט דעם שוואַכען אויסגעמאַטערטען מענש צו דערמינטערען, און ווען זיי האָבען געזעהען, אַז ער האָט זיך שוין ווי עס איז בערוהיגט, האָט יאָהאַן איהם געפרעגט:

ווי איז דיין נאָמען, אומגליקליכער?

א ה ר ן פ ע ל ד מ אַ ן! — האָט ער שטיל געענטפערט.

(פאָרטז. קומט).

Pończochy - z gwarancją za trwałość
Rękawiczki - męskie damskie i dziecinne —
Bielizna - Jagera, oraz wszelką konfekcję męską najkorzystniej do nabycia
w DOMU POŃCZOCH bielizny i Manufaktury
Częstochowa, II Aleja 29

דער אונבעוואוסטער אנטיסעמיטיזם.

עס איז דא א היבשע צאהל פאלאקען און גראד פון די בעסטע און אויפריכטיגסטע, וועלכע בעליידיגען זיך שטארק, ווען איהר ווארפט זיי נאר א רמז, אז זיי זענען אויך אנטיסעמיטען, און — דאך זענען זיי פארט אנטיסעמיטען — הויבען זיי באלד אן רעדען „אויפריכטיג, רוהיג, געלאסען און אביעקטיוו" מכוח יודען, און דער עיקר מכוח דער יודישער שאלה בכלל. און ערשט דאן הויבט אן זייער אומבעוואוסט בעהאלטענער אנטיסעמיטיזם ארויסצוקריכען, ווי אנ'אל פון זאק, פיהרט זיי אראב נישט קוקענדיג אויף זייערע גוטע און עהרליכע כוונות, פון דעם דרך הישר און — פיהרט זיי אוועק אויף וויסטע פעלדער פון דער אנטיסעמיטישער מעטאפיזיק...

דער געוו. סענאט-מארשאלעק ה' פראפ. שימאנסקי, וועלכער האט אין זיין קורצינקער ביז-איצטיגער פאליטישער קאריערע ארויסגעוויזען פיעל סימפאטישע אויפריכטיגקייט, האט אין זיין לייט-ארטיקעל אין „סלאווא" ארויסגעזאגט זיין מיינונג וועגען די טרויעריגע געשעהענישען, וואס האבען אויפגעטרייסעלט און ביז גאר פער'מיאוסט אונזער שטאדט.

דעם פראפ. שימאנסקי איז געוויס, איך גלויב איהם גערן, א געגנער פון דעם ענדעקישען פאגראם, אלס א דערלאזבארען קאמף-מיטעל געגען יודען. נאכמעהר, ער טאפט אן זייער ריכטיג, דעם שורש פון אנטיסעמיטיזם, וועלכער ליגט טיעף פערצווייגט אין דער טיעפעניש פון דער פוילישער געזעלשאפטליכער פסיכאלאגיע... וואלט דער ה' פראפעסאר דא נישט איבערגעריסען זיין אביעקטיוויטעט און וואלט געפארשט אביעקטיוו-וויסענשאפטליך ווייטער די יודישע שאלה, אדער בעסער געזאגט, „שורש" פון אנטיסעמיטיזם, וועלכער איז אזוי טיעף און אזוי ברייט פערפלאנצט ביי דער פוילישער געזעלשאפט, — וואלט נאך א לאנג-יאהריגען און זעהרען שווערען זוכען און פארשען געקומען צו דער זעלביגער הנחה, ווי איך, למשל, אז דער שורש פון דעם אנטיסעמיטיזם בכלל בעשטעהט דער עיקר אין דער נישט גרינגער קאנקורענץ מיט דעם יודען, וועלכע האט ווידער איהרע היסטארישע און ראסען-פסיכאלאגישע טעמים. ווען די דאזיגע קאנקורענץ לעבט זיך אויס פריי, ווערט זי א מעכטיגער פאקטאר פון פארטשריט, פון עקאנאמישען און קולטורעלען אויפבליהען. ווייל מען אבער נישט קאנקורירען מיט דעם יודען שווה בשווה און מען הויבט אן אויסצומיידען זיין קאנקורענץ דורך אלערליי בעגרענצונגען און רדיפות לגבי איהם. דאן פאלט מען אראב אלץ נידריגער און נידריגער אין דעם תהום פון שנאה צו מענשען ביז צו דער לעצטער מדרגה פון דעם ענדעקישען פאגראם-אנטיסעמיטיזם. דער דאזיגער שטרעבען צו פערניכטען יודען מוז דאך מצד יודען ארויסרופען א געגען-שטרעבונג, כדי נישט צו דערלאזען זיך פערניכטען! די דאזיגע פארמען פון קאמף מיט יודען רואינירען די מלוכה מאטעריעל און גייסטיג, ארויסרופענדיג ביי דער נישט-יודישער מלוכה-בעפעלקערונג א דאפעלטע מאראלישע בוכפיהרונג: לגבי יודען און לגבי נישט-יודען. דארטען אבער, וואו עס זענען דא צוויי מאראלישע מאסען, איז קיין איינע נישטא! דעריבער איז די עיקר פעולה פון אזא אנטיסעמיטיזם — די טיעפע אלגעמיינע דעמאראליזאציע.

אין דעם דאזיגען ליכט זענען די טרויעריגע לעצטע ווילדע איבערלעבענישען נישט נאר פערשטענדליך, נישט נאר אבשטויסענדיג, נאר אויך פאר דער מלוכה סכנה'דיג, בפרט נאך אויף די ווילנער קרעסען...

וואלט דער געעהרטער ה' פראפעסאר שימאנסקי געגאנגען מיט דעם דאזיגען וועג פון אביעקטיווען טראכטען, וואלט ער געקומען צו פאלגענדע מסקנות:

1) עס איז נויטיג צו פיהרען א פערעקשנ'טען קאמף מיט דעם אנטיסעמיטיזם, דער עיקר ביי דער ערציהונג פון דעם אנוואקסענדיגען יונגען דור, הן אין דער משפחה, הן אין שול, הן אין דער פרעסע און הן אין די ארגאנען פון דער מלוכה-מאכט.

2) קודם כל מוז אבער איינגעפיהרט ווערען א געזעצמעסיגע ארדנונג, וואס זאל דערפולען אוהר עלעמענטארען חוב לגבי יודען און שיצען זייער לעבען, זייער כבוד און פערמעגען געגען פאגראם-יונגען מכל המינים. סטודענטען טארען דערביי בשום אופן נישט ווערען פריוויליגירט, מוזען טראגען די אחריות פאר זייערע מעשים פונקט ווי אלע אנדערע בירגער און טארען זיך נישט אוזורפירען די פונקציעס פון דער געזעצגעבערישער מאכט לגבי יודען!...

ווייל אבער דער ה' פראפ. שימאנסקי האט זיך שוין פון אנהויב אן געלאזט פיהרען און פערפיהרען פון דעם... געפיהל, האט ער געמוזט אראב פון דעם אביעקטיווען און לאגישען דרך-הישר און איז געקומען—אנדערש האט דאס נישט געקענט זיין—צו גאנץ משונה'דיגע מסקנות.

ער זאגט מוסר די יודישע סטודענטען און יודען בכלל.

די סטודענטען ווארפט ער פאר, וואס זיי רעדען יודיש אפילו אין די אודיטאריעס... יודען אין פוילען זענען לאיאלע בירגער פון דער פוילישער מלוכה; קיין פאלאקען אבער זענען זיי נישט; רעדען זיי זייער לשון: יודיש אדער העברעאיש! ווי אנדערש?

דער ה' פראפעסאר אבער האט זיך, אפשר נישט ווילענדיג, ארויסגעוויזען פאר אנ'אנהענגער פון דער אין פוילען פערשפרייטער פריצישער „דעמאקראטיע" וועלכע איז מסכים יודען צו געבען די גאנצע גלייכבערעכטיגונג, בתנאי דאס זיי זאלען אויפהערען צו זיין יודען!... דאן וואלטען דאך די רעכט בעקומען על כל פנים נישט - יודען!... אונז, די יודען, וואס קעמפען פאר יודישע רעכט און קולטור, בעטראכטען זיי אלס „נאציאנאליסטען" און זיך אליין, וועלכע שטרעבען אלע מעוטים מיט געוואלד פויליש צו אסימילירען אלס „דעמאקראטען"!

אונזערע יודישע סטודענטען האבען קיין שום פארוואורף נישט פערדינט. אמת, זיי האט פאסירט אנ'אומגליק, וואס א פוילישער סטודענט איז דערהרג'עט געווארען; דאס האט ארויסגערופען א טיעפען בעדויערען ביי דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג; דאס איז אבער געווען אנ'אומגליקס - פאל, פאר וועלכען די אוזוריות טראגען די ארגאניזאטארען פון דעם ווילנער פאגראם!...

אונזערע סטודענטען האבען געשיצט זייער כבוד און דעם יודישען כבוד בכלל, אויף וויפיעל עס איז נאר געווען מעגליך; שעהמען זיך מיט ווי וואלטען מיר מוזען, ווען זיי וואלטען זיך געלאזט שלאגען, ווי הפקר - הינט. מוסר האט דער ה' פראפעסאר בעדארפט זאגען נישט אונזערע סטודענטען...

נאך וועניגער בעגרינדעט און בכלל פערשטענדליך איז דער מוסר, וואס דער געוועזענער סענאט - מארשאלעק זאגט אונז, די יודישע פאליטיקער, דערפאר, וואס מיר זענען אין א שטענדיגער „אפאזיציע" צו דער רעגירונג!

מיר, יודישע פאליטיקער בכלל און ציוניסטען בפרט, האבען אונזערע פראגראמען און אונזערע פאדערונגען. ווען וועלכע עס איז רעגירונג וואלט ארויסוויזען די קלענסטע נטיה ענטגעגענצוקומען אפילו נאר א געוויסען טייל פון אונזערע פאדערונגען, וואלטען מיר מיט פרייד אונטערשטיצט אזא רעגירונג.

אגב האט דאך די איצטיגע רעגירונג זיך געשאפען א יודישע סיים-פארשטעהערשאפט פון יודעלעך, וועלכע שפירען זיך משמעות גארנישט שלעכט און שלעפען זיך נאך נאך יעדער רעגירונג און ווייסט איהר אפשר וואס פאר א ישועות די יודישע מאסען האבען זיך דערווארט דורך די דאזיגע יודעלעך?...

בכלל מוז איך זאגען, אז אי גרינבוים, אי מיר אלע נויטיגען זיך נישט אין צוקלייבען פאר אונז פרעמדע ברילען, מיר זעהען אהן זיי א סך ווייטער און קלארער... מיר ראטען אלע אפטאל-מאלאגען, וואס נויטיגען זיך אין פאליטישע ברילען זיי זאלען זיך ווענדען צו אונז...

דר. יעקב וויגאדזקי

ה. ל. חריפאי.

ביים ארון הערצל.

איהר ווייסט דאך מסתמא, אז ביי דער סאנאטאריע אין מוצא האט הערצל מיט יאהרען לאנג צוריק פערפלאנצט א צעדערבוים. דערפון נעמט זיך אויך דער נאמען „ארזה", וואס די סאנאטאריע טראגט. אין דער מלחמה צייט האבען זיך די אראבער נוקם געווען אין דעם בוים, וואס דער יודישער נישט געקרוינטער מלך האט פערפלאנצט. זיי האבען איהם אבגעזעגט. היינט שטעקט ער פון דער ערד נישט מעהר ווי אויף איין מעטער — אנ'אנדענקונג אויף דעם וואס איז געווען אמאל.

נאר געקומען זענען פרישע יונגע כחות און האבען דעם בוים געבראכט צו תחית המתים. נייע בוימער האבען זיי ארום איהם פערפלאנצט, א סאנאטאריע מיט אלע בעקוועהמליכקייטען האבען זיי נעבען איהם אויפגעשטעלט — און הערצל'ס גייסט לעבט אין די הערצער פון פילע-פילע.

אהער האב איך זיך פערקלייבען אויף א פאר שעה. נישטא קיין שטאדט, נישטא קיין טומעל — איך רוה כלומרש'ט אב!

מיר פערקלייבען זיך צום ארז הערצל, מיר צולייגען זיך אין ליינוועטענע שטוהלען ווי ביי דעם טאטען אין ווייגארטען און מיר כאפען א שמועס.

א געשפרעך נאך א געשפרעך, א מעשה נאך א מעשה — און מיר דערקלייבען זיך צום עמק. מיר זיצען אויף די הרי יהודה — און הערצער קלאפען אין טאקט צום לעבען פון עמק.

און אז זאסלאווסקי הויבט אן צו רעדען פון עמק, איז דא וואס צו הערען. און ווייסען זאלט איהר, אט דער דאזיגער אידליק האט געגרינדעט דגניה, כנרת און נהלל. די ערד האט ער ליעב אהן א ברעג און אהן א סוף, און ער בעריהמט זיך, אז זי ליעבט איהם אויך.

אט — זאגט ער — האט זי מיך מכבד געווען מיט סודניצעס (אזא בערען-יאגאדע — אין העבראיש הייסט זי תות-השדה). געדענקסט אין היים פריהלינג צייט? מען קלויבט זיך אוועק אין וואלד און מען קלויבט סודניצעס. ברודער, אוועק די יאהרען. היינט איז עטוואס אנדערש: ווילסטו סודניצעס, טא זיי זיך מטריח און פלאנץ זיי און היט זיי, און וועסער זיי. אז מען האט ליעב די ערד, ענטפערט זי אויך מיט ליעבע.

— היי-יאהר האט נהלל פערדיענט 120 פונט אויף אט דער דאזיגער קליינער יאגאדע. די דריי פיער פונט אויף א משפחה זענען זעהר צוגוץ געקומען.

און ער זעצט פאר זיין ליעב-געזאנג דעם עמק.

— גלויב מיר, איך בין רייכער פאר דיר און צופרידענער פ[illegible]. איך עס אייער און טרינק מילך, וויפיעל מיין הארץ גלוסט. די ערד האט זיך פון מיינעט[illegible] אביסעל מטריח געווען. איך האב אויף וואס איך דארף.

— און מיין נישט, אז איך בין נאר איינער דער גליקליכער. אדרבא קום צו פאהרען אין נהלל, וועסט זיך איבערציגען, אז די ערד ערהיילט מענשען פון אלע קראנקהייטען.

— אונזער מחלבה — די מילכיגעריי — טראגט אונז אריין נישט פיעל, אבער אויף דער הוצאה האבען מיר. ביי א לעמען איז דא א פאר האלענדער קיה, און אז מען גיט זיי, גיבען זיי אויך. נאך ביי דער נאכט שטעהען מיר אויף מעלקען די קיה — דו האסט אויף דיין לעבען נישט געפיהלט, די הנאה, וואס מען בעקומט אין שטאל איידער די זון גייט אויף.

— אויסגעמאלקען, אוועקגעשיקט די מילך מיט'ן אויטאמאביל קיין חיפה און דערוויל בעוויזט זיך די זון. פרי[illegible] ווערען רויט די הרי-הגלעד. איך בין נישט קיין פאעט, אבער גלויב מיר אויף נאמנות, איך פיהל דאן ווי די טבע זאגט שירה.

אין די יונגע יאהרען האט אונז אברהם מאפו דערצעהלט אין „אהבת ציון" און „אשמת שומרון" וועגען די דאזיגע און דאך נאהנטע בערג. און נישט-ווילענדיג גיט זיך א בלעטער די געשיכטע פון דיין לעבען. אט איז דער תבור, אזא נאהנטער, אזא ליבער. ער ווערט מיר טייערער פון טאג צו טאג. ביי זיין צופוסענס האב איך אויפגעשטעלט מיין געצעלט.

— און דאן ווייטער אין פעלד. איצט בייגען זיך די זאנגען, ווי כוואליעס אויף דעם ברעג פון ים. אייגען ברויט. מען ווערט פון דעם פעלד נישט נתעשר—אבער ווייסטו דען דעם טעם פון דעם ברויט, וואס דו אליין האסט געזייהט זיינע קערנער, דו האסט איהם אליין געשניטען, געדרעשט און געשטרויט?!

— מיר לעבען און מיר זענען צופרידען.

און נאך און נאך האט ער מיר דערצעהלט. ער האט דערצעהלט וועגען א נייעם דור, וואס שטעהט אויף אין עמק.

— טיעף האבען מיר געשיקט די ווארצלען אין דער ערד; קיינער וועט שוין אונז פון ארט נישט ריהרען.

איך הער זיך צו—און מיר דוכט זיך: דער בוים רעדט-

לאנג-לאנג, מיט פיעל יאהרען צוריק,

וואס געהערט, וואס געזעהן.

מילא, וואס עס איז היינט די הויפט-טעמא פון אלע געשפרעכען דארף איך דאך אייך נישט זאגען, איהר ווייסט, אז דאס איז די לעצטע פרעזידיום-וואהלען פון דער קהלה, וועלכע האבען אויפגעקאכט אלע מחות פון אלע זייטען, מיינט איהר דאך אודאי, אז איך הקטן, וועל זאגען מיין ווארט, ווארום ווי ס'זאל נישט זיין, בין איך דאך אויך א טשענסטאכאווער תושב, טאקי א היגער געבוירענער פון דור-דורות, האט איהר אבער א טעות, דער ענין איז אזא שארפער און היציגער, אז איך האב פשוט מורא זיך אנצורופען, ווייל עס בריהט, עס שפריצט מיט פייער און דאריבער האב איך דאסמאל אנגענומען דעם כלל-סיג לחכמה שתיקה...

אין דער ריכטיגער צייט.

נישט אלע, אבער זענען פערכאפט פון דעם קהלה-פיבער, פערהאנען נאך אזעלכע מענשען, וואס האבען נאך אנדערע אויפגאבען און דאס איז, טיילען הונגעריגע ברויט און נאקעטע מלבושים.

איך וויל נאר פערצייכענען עטליכע פון זיי:

„עזרה"

אין טשענסטאכאוו עגזיסטירט א פרויען-פעראיין „עזרה", וואס דער טייטש איז הילף, און ווען דארף מען העלפען, געוועהנליך די, וואס נויטיגען זיך דערין און די דאזיגע געזעלשאפט האט ליידער נישט גענוג מיטלען, אז זי זאל קענען געניגען טהון די אלע נויטבעדערפטיגע, וואס ווענדען זיך נאך הילף, אבער וואס זי קען, טהוט זי יעדענפאלס און מיט אלע כחות.

אזוי זענען לעצטענס פערטיילט געווארען עטליכע הונדערט שטיק מלבושים, האט איהר געדארפט זעהען די פעטענטען, גאט מיין גאט, א גרויל כאפט דאך אן, פון וואנען נעמט זיך אזא עלענד, אזא נויט, מענשען וועלכע האבען נישט קיין העמד אויפ'ן אויסגעדארטען, נאקעטען לייב און די אויגען זענען אויסגעלאשען פון הונגער.

ראטעוועט!—האבען זיך געהערט—זיפצען—גיט מיר כאטש דאס לייב צו פערדעקען! ליידער אבער האבען נישט אלע בעקומען. די אבער, וואס האבען בעקומען מלבושים, האבען זיך אויף זיי ארויפגעווארפען מיט אזא פרייד, אז עס האט ארויסגערופען טרעהרען ביי די צוקוקער, דער קאמיטעט אבער איז ווערט א יישר-כח פאר זייער ארבייט און הילף, וואס קומט אין דער ריכטיגער צייט.

ברויט פאר הונגעריגע.

די צווייטע געזעלשאפט, וואס פערנעמט זיך טאג - טעגליך מיט טיילען ברויט פאר די הונגעריגע איז בלי-ספק די תומכי-עניים מיט איהר אנפיהרער עמנואל'קע ווייצענבלאט.

אמת, זייערע מיטלען זענען בעשרענקט, ווייל צו אונזער חרפה, מוז מען זאגען, אז נאך א גרויסע טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג און דוקא פון דער פערמעגליכערער טייל האבען נישט קיין זין פאר דער דאזיגער אקציע און עס טרעפט זאגאר גאנצע הייזער אין וועלכע עס וואוינען פערמעגליכע בעלי-בתים, וואס געבען לגמרי נישט קיין שטיקעל חלה „די גוט שבת יודעלעך", וואס עס איז א גרויסע עולה.

אבער פארט מוז מען מודה זיין, אז די דאזיגע הילף אין מיניאטור, האט א גרויסע בעדייטונג. יעדען שבת-צונאכטס פערזאמלען זיך אויף דער נאדרוזעטשנא גאס 26 איבער הונדערט הונגעריגע יודען, וועלכע בעקומען חלה, ברויט, אייער, פוטער און אנדערע מאכלים. ווי אויך פון צייט צו צייט א פאר גילדען מזומנים.

איהר, גרויסע לייט, וואס איהר דארפט ביי יעדע קלענסטע הילפס-אקציע קאמיטעטען מיט פרעזעסען און עקזעקוטיוועז, מיט פרעזידיומס, מיט דעקלאראציעס און פאמפעס וועט מסתמא לאכען פון דער דאזיגער בעשיידענער הילפס-אקציע פון עמנואל'קען אבער דרך-ארץ דארף מען פאר איהם האבען. ער, מיט זיינע חברים ארבייטען געטריי און עהרליך און זעטיגען הונגעריגע מיט דער מתנה.

די, וועלכע עסען נאך היינט צו דער זעט, בעגעהן א פערברעכען לגבי זייערע ארימע ברידער, אויב איהר שטיצט נישט די דאזיגע גוט - שבת יודעלעך, ווארום זיי טהון אויך אנ'ארבייט, וואס איז אויפ'ן ארט און אין דער ריכטיגער צייט.

פאר די קינדערס וועגען.

און אויך דארף בעגריסט ווערען די הילפס-אקציע, וואס די עלטערן-קאמיטעטען טהון פאר די ארימע יודישע קינדער פון די פאווישעכנע שולען.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין דער פאווישעכנע שולע נומער 15, דארט געפונען זיך אסך ארימע קינדערלעך, ווערט זיי ארויסגעגעבען יעדען טאג א גרויסע זעמיל מיט א גלאז מילך. די קינדער, צווישען וועלכע עס געפונען זיך ליידער א סך הונגעריגע זענען זיך מחיה מיט דעם עסען.

אויך האט דער דאזיגער עלטערן-קאמיטעט די וואך צוטיילט פאר די ארימסטע קינדערלעך, וועלכע געהן ממש בארוויס 27 פאר גוטע שיכלעך. ווער עס האט נישט געזעהן די פרייד פון די קינדער בעת זיי האבען בעקומען די שיכלעך, דער קען זיך נישט פארשטעלען קיין שמחה, וואס קומט ארויס פון טיעפען הארצען.

א הארציגען יישר-כח קומט דעם עלטערן-קאמיטעט פון דער פאווישעכנע שולע נומער 15, פאר זיין אפפערוויליגקייט און באמת איבערגעבענע ארבייט. אלע אנדערע עלטערן-קאמיטעטען דארפען זיך אראבנעמען א ביישפיעל און עס נאכטהון.

דעם דאזיגען עלטערן - קאמיטעט דארף מען אבער אויך זאגען, אז ער טהוט זיין הומאניטארע ארבייט אין דער ריכטיגער צייט.

קורטואזיע.

ביי די אינטעליגענטען הערט מען אפט דאס ווארט קורטואזיע. פאר א סך מענשען איז דאס טערקיש. כדי אייך בולט אויפצוקלערען, וואס דאס ווארט איז טייטש אויף פראסט מאמע - לשון וועל איך עס אילוס[illegible]רען מיט א פאקט.

אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון „טאז", וואס איז די וואך פארגעקומען האבען די פערזאמעלטע, נאכדעם, ווי זיי האבען אויסגעהערט דעם בעריכט פון דער פרוכטבארער טעטיגקייט אויסגעדריקט אנערקענונג דעם פרעזעס פון דער געזעלשאפט ה' דר. סטעפאן קאהן און דעם הויפט-סעקרעטאר ה' יעקב ראזינער, א דאנק וועלכען די געזעלשאפט ארבייט מוסטערהאפט.

האט זיך אויפגעשטעלט ה' דר. קאן און ערקלערט, אז ער דאנקט זעהר פאר דער אנערקענונג, אבער נישט ער אליין קען אננעמען דעם דאזיגען דאנק נאר דאס קומט די גאנצע פערוואלטונג מיט'ן פרעזידיום בראש, איי איז דאך די קשיה, לעולם האט דאך די ארבייט טאקי געפיהרט נאר דער פרעזעס [illegible] זיין פעהיגען סעקרעטאר, נאר ס'פאסט נישט, אז מען זאל אננעמען פאר זיך אליין די אנערקענונג, נאר די עטיק, דער טאקט פאדערט, אז דער אויסדרוק פון אנערקענונג זאל אויך חל זיין אויף די איבריגע מיטגלידער, כאטש זיי האבען עס נישט אזוי שטארק פערדיענט. עס פאדערט אבער די קורטואזיע.

אט, דאס מיינע פריינד, הייסט קורטואזיע...

ווי אזוי איך בין ניצול געוואָרען

(אַ אמת'ע מעשה דערצעהלט פון אַ „קאָמיסאַר").

— גוט מאָרגען, רוף איך אויס אויף פּויליש, אַריינקומענדיג אין אַ יודישע וואוינונג בעת דער פאָלקס-צעהלונג. יעסטעם קאָמיסאַרז, זייט אַזוי גוט.

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר—ענטפערט ער מיר אויף יודיש—גיב נאָר אַ קוק חוה לאה (משמעות, זיין ווייב) ווי ער קוקט דאָס אויף מיר. כ'האָב באַלד דערקענט דאָס יודישע נעזיל. גיב נאָר אַ קוק. אַליין וועט ער זיכער וועלען איך כ'זאָל אויפגעבען „יענזיק זשידאָווסקי", כ'האָב דאָך געלייענט די צייטונגען און ער — „דזיען דאָברי", אַנדערש פּאַסט איהם נישט, אונזערע כלל-טהוערס משטיינס געזאָגט...

איך בין געשטאַנען אין דער טהיר אוז געקוקט מיט שטוינען אויפ'ן יוד, וואָס האָט פּלוצים איינגענומען ניין מאָס רייד.

— זייט אַזוי גוט—האָב איך זיך שוין [illegible] אייך יודיש

— אייגענטליך ברויך איך מיט אייך נישט צו רעדען, נאָר זעצט אייך, האָט ער מיר געוויזען אַ שטוהל ביים קוךטיש.

— ווי הייסט איהר?

— ווי איך הייס? אַ שיינע מעשה, ווער ווייסט דאָס נישט, ווי איך הייס אזן ער האָט מיר ערקלערט, אַז יאַקוב הייסט ער ביים ווייב, יעקל אַנזעצער—ביי די, וואָס ער קומט געלד, יוליאַן—ביי די טעכטער און אין שטיבעל הייסט ער יעקב יואל...

פון דער צווייטער שטוב איז דערגאַנגען אַ פּלוצלונג געלעכטער פון יונגע מיידלעך אויסגעמישט מיט פרעהליכע קולות: יאַק אַן מוווי, יאַק?

— ווי אַלט זענט איהר? — פרעג איך

— 45—האָט זיין ווייב זיך אַריינגעמישט—ביז הונדערט און צוואַנציג.

— שפּראַך?—פרעג איך ווייטער.

— ווידער די פריהערדיגע מעשה. מיט דעם ווייב רעדט ער יודיש „זשאַרגאָנאָווע" (ווי די טעכטערלעך רופען עס אָן), מיט די טעכטערלעך זיינע רעדט ער פּאָ פּאָלסקו, טשיסטאָ פּאָ פּאָלסקו, מיט אַ טראָפּ און ער האָט נאָך צוגעגעבען, אַז ער קען אַביסעל עברי אויך. וועלענדיג מיך דערין איבערצייגען האָט ער אָנגעהויבען צו מאָלען מיט דער צונג ווי אַ ווינדמיהל: אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה פון אָנהויב ביז'ן סוף.

— קינדער? פיער שטיק, זאָלען לעבען און געזונד זיין, פיער טעכטער... ביז הונדערט און צוואַנציג...

— נו גוט. די פרוי, ביטע! נאָמען?

— חוה לאה—האָט זי אַרויסגעקווענקעלט און געמאַכט דערביי אַ מינע ווי אַ שלאַנג וואָלט איהר אַ ביס געטהון.

אַ פּלאַץ געלעכטער האָט אויסגעשאָסען און די טהיר פון שטוב האָט זיך ברייט געעפענט. ס'זענען אַריינגעקומען עטליכע פון שעהנעם מין.

— געהט אַלטע לייט—האָט זיך איינע געבייזערט, מאַניקירענדיג זיך גלייכצייטיג די נעגעל—קומט פאַניע אַריין, דאָ נאָס; און זי האָט מיך אַריינגעפיהרט אין צווייטען צימער.

מיר וועלען אויפגעבען, שרייבט! וואָס ווייסען זיי דאָרט, די אַלטע...

די מאַמע עוועלינאַ, 35 יאָהר אַלט. מ'האָט אַ יונגע מאַמע, האַ?—האָט זיך איינע געריהמט און געוואָרפען אַ חנ'דל אין מיין זייט.

שרייבט: בראָניסלאַוואַ, 20 יאָהר אַלט—האָט די יונגסטע געוויזען אויף איהר שוועסטער, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיגעל און זיך געפּודערט, און האָט אויסגעזעהען אויף אַ 30 יאָהר מינדעסטענס. יענזיק פּאַלסקי, פּאַלסקי, איהר הערט!

אַניעלאַ (ווי כ'בין שפּעטער געוואויר געוואָרען 19 יאָהר אַלט) איז געשטאַנען ביים גאַרדעראָבע - שפּיגעל (דער טרעמאָ-שפּיגעל איז, ווי געזאָגט, געווען פערנומען) און זיך פּודירט, שמינקירט מיט קאַרמין, מיט פאַרב, ווי אַן אַרטיסטקע און בשעת מעשה געפּאַטשקעוועט כלומרשט אין שפּיגעל אַריין...

יאַדוויגע (17 יאָהר אַלט) האָט זיך געקעמט די האָר.

די פיערטע (פעליציע, 16 יאָהר) חאָט זיך געמאַכט מאַניקיר און בשעת מעשה געשמייכעלט פריינדליך.

די פיער מיידען האָבען איינע די אַנדערע געוואָלט דעריאָגען אין אינטעליגענטישקייט און אָנציהערישקייט, מאַכען אויף מיר אַן'איינדרוק...

— יענזיק איטשיסטי פּאָלסקי—האָט איינע געשריגען, אויסדרעהענדיג צו מיר דאָס בעשמירטע פּנים, ווי אַ פּורים-שפּיעלער.

— פּאָלסקי—האָט די דריטע געוואָרפען צו מיר אַ „פּערסקיע אָקאָ".

פּאָלסקי—האָט די יונגסטע געשמייכעלט צו מיר און בשעת מעשה זיך אַריינגעפאָחרען מיט'ן שעריל ווייט אין פינגער אַריין...

טאַק, טאַק, האָב איך זיי פערזיכערט און געשריבען ס'מייניגע.

— וויעש יאַדזיו—האָט איינע זיך אָנגערופען—פּיטיגרילי טאָ מאָיע זשיטשע און זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו ענטציקען מיט זיינע ביכער, ווילענדיג איבערשטייגען איינע די אַנדערע אין בקיאות...

זנאַ פּאַן פּיטיגרילעגאָ?—האָט איינע זיך געוואָנדען צו מיר?

— אינדעם איז אַריינגעקומען די בעל-בית'טע פון קוך, אַריינגעבראַכט אויף אַ ווייסער טאַץ אַ גלאָז טהיי. פּראָשען, טרינקט!...

יאָ, וואָס זאָגט איהר עפּיס צו מיינע טעכטערלעך — פרעגט דער טאַטע אַריינקומענדיג — חנה-בריינדיל, ס'הייסט בראָניסלאַוואַ, איהר זענט עפּיס אַ מבין אויף איהר. אַן'איידעל קינד, איהר הערט, אסור צי מ'ברויך נאָך אַ נדן צו איהר. איהר הערט אַ מלאך, אַ מויד, זי קען גאַנץ פּיטער... ווי הייסט ער דאָרט דער שרייבער פון די ביכער, כ'האָב גוט געזאָגט? מ'קען די צונג צוברעכען ביי דעם נאָמען.

אַלע האָבען געלאַכט, פּיטי, פּיטי, גרילי, גרילי, טאַטע, האָבען די מיידען געקייכט.

— איך בין דאָך נישט קיין שדכן—האָב איך זיך אָנגעריפען וועלענדיג פּטור ווערען פון דעם אַנשיקעניש—איך בין קאָמיסאַר...

— יאָ, אָבער אַ בחור זענט איהר, אַ קאַוואַליער ווי געוואונשען.

אוי אַ בראַך, האָב איך אַ קלער געטהון, מיאוס אַריינגעפאַלען, אַ מיאוס'ע מעשה. איך האָב נישט קיין צייט—האָב איך זיך ענטשולדיגט—כ'האָב אַ סך אַרבייט...

— ניין, איהר וועט נישט אַוועקגעהן, טרינקט אויס כאָטש די טהע, איהר מוזט טרינקען. צו אַלדע בייז האָט די טהע געבריהט, פּשוט פייער. בראָניסלאָווע, די, וואָס מ'חאָט מיר כלומרש'ט גערעדט האָט דערווייל אַריינגעבראַכט קיכלעך און אַנידערגעשטעלט פאַר מיר —זייט אַזוי גוט, עסט צו, גוטע נאַפּאָלעאָנקעס...

די נאַפּאָלעאָנקעס האָבען ווידער געגעבען אַ טעמאַ צו רעדען. די מיידען האָבען אָנגעהויבען צו רעדען וועגען נאַפּאָלעאָנ'ען, דעם פרויען-פריינד, דעם אידעאַלען פרויען-ליבלינג און אין אַלגעמיין וועגען ליבע און ווידער פּיטיגרילי..

— זנאַ פּאַן פּיטיגרילעגאָ?—האָט זיך איינע צו מיר געוואָנדען—יאַקי אָן סלאַדקי, יאַק אָן לאַדניע אָפּיסויע קאָכאַניע...

איך האָב זיך צוגעהערט ווי זי קאַלעטשעט אַ לשון, ווי זי ברעכט אַ פּויליש און אָנגעהויבען אַ נאַפּאָלעאָנקע... אינדעם איז מיר איינגעפאַלען אַ געניאַלער געדאַנק, כ'האָב אַוועקגעלעגט אין מיטען ביס דאָס קיכעל, אַ גוטער געדאַנק איז מיר אַריין אין קאָפּ. ניע זנאַם—האָב איך זיך אָנגערופען ווי אַ טריומפאַטאָר, ניע זנאַם!

— ווצאַלע?!

— ווצאַלע, כ'ווייס נישט מיט וואָס מען עסט דאָס...

ס'איז פערשוואונדען דער שמייכעל פון זייער פּנים'ער, זיי האָבען אַראָבגעלאָזט די קעפּ, ווי אָבגעשמיסען, אינגאַנצען אָב, אַ רחמנות געווען צו קוקען אויף זיי נעבעך... אויף מיין דאָווידזעניאַ האָט מען מיר אפילו נישט אָבגעענטפערט.

אויף אַזאַ אופן, זעהט איהר, בין איך ניצול געוואָרען פון דער געפאַהר, פון דער סכנת-נפשות. וואָס טהו איך ווען ס'איז קיין פּיטיגרילי נישטאָ אויף דער וועלט, טאָ ווער ווייסט, וואָס יעצט וואָלט געווען מיט מיר... ס'איז מיר עפּיס גוטס געווען אויפגעלעגט. כ'האָב שבת טאַקי גומל געבענשט און געגעבען עטליכע גילדען אויף וואוילטעטיגע צוועקען.

יל"ק.

איז געקומען דער יודישער מלך און האָט אין די נאַקעטע פעלזען אַ צעדער פערפלאַנצט. אָבגעשניטען האָבען שונאים זיינע צווייגען, אָבער זיינע וואורצלען האָבען זיך טיעף אין דער ערד פערשפּרייט. אויסגעשפּראָצט האָבען פון זיי די נהלל'צן און די עין-טבעונ'ען.

און מיטאַמאָל: דז'ין, דז'ין.

— מען דאַרף, מען מוז—זאָגט זאַסלאַווסקי—עסען געהן, אוי אסתר, אסתר! גוט, וואָס ס'איז דאָ אַ קאַנטשיק.

איך בין אַליין ביים בוים פערבליבען. אין מיינע אויערען זענען נאָך לאַנג-לאַנג די קלאַנגען פון דעם עמק געשטאַנען. איך האָב מעחר געפיהלט ווי פערשטאַנען. די קיה, די יאַגאָדעס, די זאַנגען—זיי האָבען ביי מיר אַנ'אַנדער בעדייטונג געקריגען.

פאָהרענדיג צוריק אין אויטאָמאָביל אין תל-אביב, האָבען די הרי - יהודה, וואָס דער שאָסע שלענגעלט זיך צווישען זיי, גאָר אַנ'אַנדער אויסזעהען געקריגען. זיי האָבען דאָך אונטערגעהערט דעם געשפּרעך פון דעם נהלל'ער נביא.

איך שפּאַר זיך איין אין ווינקעל. עס ווילט זיך קריגען אַ נייעם טעם אין לעבען — נאָר וואָס? — ווייטער די רעדאַקציע, דער רעדאַקטאָר, די מאַשינען! אוי ווי ווייט, דער דאָזיגער לעבען פון די נהלל'ער און דגניה'ער שעפער!

איך האָב דערפיהלט, אַז הערצלס גייסט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם עמק. ביי זיין צעדער האָבען זיי זיך בעגעגענט און פון דאַן טראָגט זיך פונאַנדער אַ גרויסער עכאָ פון דעם יודישען רענעסאַנס.

פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון „טאָז".

זונטאָג אָוועגד איז פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „טאָז". עס איז געקומען בערך 40 פערזאָן.

די זיצונג עפענט פּרעזעס דר. סט. קאָן.

אַלס פאָרזיצער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט ד"ר לייזעראָוויטש, אַלס בייזיצער די ה"ה ל. סויקא און אַדוו. ווילטשינסקי, אַלס סעקרעטאַר ה' מ. אַש.

נאָכ'ן אַדורכלעזען און בעשטעטיגען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאָראיאהריגער אַלגעמייגער פערזאַמלונג גיט אָן אַ בעריכט ה' דר. קאָן.

אינ'ם בעריכט ווייזט ער אָן אויף די פינאַנסיעלע שוועריגקייטען, וואָס די געזעלשאַפט האָט אָנגעטראָפען ספּעציעל היי-יאָהר ביים פיהרען איהר זעהר נוצליכע טעטיגקייט. טראָץ דעם אַלעם האָט די פערוואַלטונג נישט פערקלענערט איהר אַרבייט, וואָס ווערט בולט פון דעם אָבגעדרוקטען יאָהר-בעריכט.

דער הוצאות-בודזשעט האָט געמוזט פערקלענערט ווערען פון 85.000 ביז 40.000 זל. און אויב די אַרבייט איז נישט פערקלענערט געוואָרען איז עס נאָר אַ דאַנק דער איבערגעבענהייט פון מעדיצינישען פערסאָנאַל, וואָס האָט ביי אַ פערקלענערטען געהאַלט דאָך נישט פערקלענערט די אַרבייטס-שעה'ן, דעריבער זענען די צאהל קראַנקע-וויזיטען אין די „טאָז"-אַנשטאַלטען אין לויפענדען יאָהר גרעסער ווי אין די פאָריגע יאָהרען. ער דערמאָנט אויך דאָס אָבגעבען דורך ה' ראָזענבערג דעם גאָרטען פאַר די האַלב-קאָלאָניעס, וואָס האָט איינגעבראַכט 1500 זל. פאַר וועלכען ער דאַנקט איהם עפענטליך.

נאָכהער לעזט דר. עפּשטיין אַ בעריכט פון דער וויסענשאַפטליכער סעקציע.

אין דער דיסקוסיע האָבען אַנטייל גענומען די ה"ה:

שפּירא, דר. בראַם, ראָזינער, קרעמסקי, גרינבערג, בערלינער, לייזעראָוויטש, דר. קאָניעצפּאָלסקי, דר. עפּשטיין א"א.

נאָך דער דיסקוסיע ווערט בעשלאָסען:

1. צו ווענדען זיך צום מאַגיסטראַט וועגען פערגרעסערן די סובסידיעס פאַר דעם „טאָז", וואָס ערטיילט הילף פאַר יודען און נישט-יודען און פערטרעט אין געוויסער מאָס דעם מאַגיסטראַט און די מלוכה.

2. אויסצודריקען אַ דאַנק די ה"ה דאָקטוירים: ליפּינסקי, קאָניעצפּאָלסקי, גייזלער פאַר'ן פרייוויליגען אָבגעבען אַ שעה וועכענטליך פאַר דעם צאָוגעניישען אַנשטאַלט, וואָס וועט געשאַפען ווערען.

3. אויסצודריקען אַ דאַנק די ה"ה דר. סטעפאַן קאָן און יעקב ראָזינער פאַר זייער איבערגעגעבענער אַרבייט און גרויסע נוצען לטובת דער געזעלשאַפט.

אין דער פערוואַלטונג זענען געוועהלט געוואָרען די ה"ה: דר. סטעפאַן קאָן, דר. א. בראַם, אַדוו. קרויסקאָפּף, טעכניק ש. גרינבערג, פרוי גייזלער, דר. ב. עפּשטיין, פרוי אינזש. באַרקאָווסקי, מ. היימאַן, דר. קאַגאַן, מ. לעדער, צאָהן-אַרצט פּרץ, אינזש. ווילטשינסקי דר. א. וואָלבערג און פּ. שפּירא.

אין דער רעוויזיאָנס - קאָמיסיע: ג. פּרעגער, מ. קרעמסקי און י. ראָזענבערג.

אָבגעצעהלט...

מען האָט שוין אָבגעצעהלט דאָס ביסעל מענשעלעך, וואָס בעוואוינען פּוילען צווישען זיי אויך דאָס ביסעל יודען.

כאָטש צווישען אונז זאָל עס בלייבען, אַז ווען מיר וואָלטען איבערגעצעהלט די פּרנסות פון ביסעל יודען, וואָלט אַרויסגעקומען אַ טרויעריגער סך-הכל, אָבער נישט אין דעם געהט עס איצט. איך וויל ביי דער געלעגענהייט מאַכען עטליכע קליינע בעמערקונגען.

ווען מען איז געקומען צו עטליכע דאָקטוירים, בעת דער פאָלקס-צעהלונג האָבען זיי געענפערט, אַז זייער מוטער - שפּראַך איז יודיש. און ווען די דאָזיגע שילערלעך האָבען געפּרובט אויפמערקזאַם מאַכען: היתכן? ווי פּאַסט דאָס פאַר אייך, פאַניע דאָקטאָרזע און פאַר אייער פרוי, וועלכע האָט אויך געענדיגט אַ פּאָליטעכניקום צו ענטפערן יודיש, וואָס איז כידוע נישט מעהר ווי אַ זשאַרגאָן, האָבען זיי בעקומען דעם געהעריגען אָבשניט, אַז זיי זאָלען ערפילען זייער פליכט און פערשרייבען דאָס, וואָס מען זאָגט זיי.

לײדער האָבען אָבער נישט אַלע יודען אַזוי געענטפערט. מען דערצעהלט אַ זעהר נישט פיינעם טהאַט פון אַ היעגען זשידלאָק, וואָס האָט זיך געוואָלט אויספיינערען פאַר די קריסטען און האָט געהאַט אַ פערקעהרטע ווירקונג.

צווישען די קאָמיסאַרען איז אויך געווען איינער אַ לעהרער פון געזאַנג, וואָס האָט אַמאָל פערנומען אַ אָנגעזעהענעם יודישען פּאָסטען. אָט דער דאָזיגער יוד, וואָס קאָן נישט קיין פּויליש, האָט בעת ער האָט אויסגעפילט זיין דעקלאַראַציע בויגען, אויפגעשריבען, ביי דער רובריק שפּראַך, פּויליש. איי דו פאַרך איינער, דו ביזט דאָך אַ זשיד, וואָס אַלע ווייסען אַז דו קאָנסט נישט קיין דריי פּוילישע ווערטער, עס פּאַסט דאָך אָבער נישט, אַז ער זאָל חס ושלום אויפגעבען יודיש.

אָט אַזוי מיינע פריינד איז צווישען אונזערע ברודער פערהאַנען אַלערליי עלעמענטען. יודען וואָס זענען שטאָלצע מענשען און יודען מאַשקעס...

אַז די קאַ'ץ איז נישט אין דער היים...

דער היגער האַנדעלס-אָנגעשטעלטער-פעראיין, וועלכער איז אַמאָל אין יענע יאָהרען געווען דער איינציגער „מרכז", פון אינטעליגענץ, איז שוין לאַנג געוואָרען אַ ריין פּראָפעסיאָנעלע אַרבייטער אינסטיטוציע און במילא האָט זי פערלוירען איהרע לאָקאַלען מיט דעם גרויסען פערמעגען און געבליבען זענען זיי וואוינען אין אַ איינציג שטיבעלע. און יאָ, אויך אַנ'אַלטע פּאַרטעפּיאַן פון די אַמאָליגע גוטע צייטען.

כל זמן ה' פעדערמאַן איז נאָך געווען אין טשענסטאָכאָוו, האָט ער נאָך ווי עס איז אָבגעהיטען דאָס לעצט ביסעל פערמעגענס, ווי למשל, די פּאַרטעפּיאַן און דאָס ביסעל ביכער, אַזוי ווי ער איז אָבער אַרויס מיט אַ פוס, האָט זיין יורש באַלד פערקויפט די פּאַרטעפּיאַן און איינגעקויפט אַ שרייב-מאַשין.

אַז מען האָט אַ שרייב-מאַשין מוז מען זי דאָך אויסנוצען, שרייבט מען — איינלאַדונגען און מען לאַדענט איין אַלע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אויף אַ קאָנפערענץ...

געקומען זענען אויף דער קאָנפערענץ אַלע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען ווי אויך די פאָרשטעהער פון די קלאַסען פעראייינען און געפרעגט דעם איינלאַדענער נאָך וואָס ער האָט זיי גערופען. יענער האָט אָבער געענטפערט, אַז ער האָט געוואָלט זעהען, צו די שרייב-מאַשין שרייבט גוט... ס'פערשטעהט זיך דאָך, אַז אַלע האָבען איהם אויסגעלאַכט און אהיימגעגאַנגען.

יאָ, אַקעגען וואָס דערצעהל איך אייך דאָס, אַז די קאַץ איז נישט אין דער היים שפּרינגען די... מייז ארום אויפ'ן טיש.

אַ גרוס פון תל-אביב.

יודען, איך בין געווען אין תל-אביב און ברענג אייך אַ גרוס. איך זעה, אַז איהר זענט נייגעריג? טאָ וועל איך אייך דערצעהלען.

איך בין געווען אויף דעם טאַנץ-אָוועגד אונטער'ן נאָמען „אַ נאַכט אין תל-אביב".

מילא, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען, איך האָב געטראָפען אויסשליסליך יודען, וואו איך האָב זיך געקעהרט איז אַלץ געווען יודען און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אין דעם „תל-אביב" זענען זיך צונויפגעלאָפען יודען פון דער גאַנצער וועלט אַזוי, אַז מען האָט זיך נישט געקאָנט אַ ריהר טהון, דו זאָלסט נישט אָנקלאַפען אין קיין יוד.

אויך דער בופעט איז געווען אַ פּיינער, מען האָט דיר נישט נאָכגעקוקט וויפיעל דו עסט און צו די בעצאָהלסט פאַר אַלעם וואָס דו געניסט, ווארים מיר האָבען דאָך עפּיס צו טהון מיט יודען...

ווי עס זאָל נישט זיין, האָט דער תל-אביבער אָוועגד געהאַט גרויס ערפאָלג און עס איז געפאַלען אויך אַ סך געלד און ווי מען שמועסט זאָל דאָס פערדינסט געהן אויפ'ן קרן-קימת. אויב אַזוי, איז זעהר גלייך, אַז אויב מיר האָבען פון דעם טאַנץ-אָוועגד געהאַט אַ בעגריף וועגען אַ מיניאַטור תל אביב, זאָל כאָטש פאַר דעם געלד עטליכע יודען קאָנען פאָהרען אין דעם אמת'ן תל-אביב.

אין הונדערט יאָהר ארום...

איהר קענט דאָס לידעל „אין הונדערט יאָהר ארום", דאָס לידעל איז אַ סאַטירע אויפ'ן היינטיגען לעבען. ד. ה., אַז גוט וועט זיין — אין הונדערט יאָהר אַרום...

דעם זעלבען איינדרוק, האָט מען געהאַט פון דעם לעצטען צוזאַמענפאָהר פון סוחר'טום פון טשענסטאָכאָווער קרייז איינגעאָרדענט דורך די סאָסנאָווצער האַנדעלס-קאַמער.

אָבער פריהער אַ קליינע בעמערקונג. אויף דעם צוזאַמענפאָהר זענען געקומען פאָרשטעהער פון די היגע סוחרישע אָרגאַניזאַציעס און אויך פון די יודישע קליינהענדלער.

האָט זיך געפיהרט, אַז אַלע מיטגלידער פון אַ געוויסער אָרגאַניזאַציע האָבען זיך געזעצט צוזאַמען מיט זייער אָנפיהרער, מה שאין כן ביים יודישען קליינהענדלער-פעראיין. די מיטגלידער פון דעם דאָזיגען פעראיין זענען געזעסען לינקס פון פּרעזידיום און דער פּרעזעס איז געזעסען רעכטס צווישען די פיהרער. זאָגט מען, אַז דאָס איז געווען צוליעב אַ מעשה שהיה, אַז עטליכע מיטגלידער, וואָס האָבען בעקומען איינטריטס-קאַרטען פון פּרעזעס האָבען גלייכצייטיג בעקומען איינטריטס-קאַרטען פון דער האַנדעלס-קאַמער און האָבען נישט געוואָלט צוריקגעבען די קאַרטען, איז ער ברוגז געוואָרען און זיך אַוועקגעזעצט מיט די גרויסע לייט.

דאָס איז אָבער אַלץ רכילות, דער עיקר איז אָבער געווען די רעדעס, וואָס זענען דאָרט געהאַלטען געוואָרען און דער עיקר שבעיקרים איז, וואָס מען האָט פעסטגעשטעלט אַז דער אומזאַץ-שטייער וועט פערקלענערט ווערען אין יאָהר... 1937.

נו, מיינע פריינד, זייט נישט טרויריג, לאָזט נישט אַראָב די קעפּ, סוחרים, מעהר מוט, עס געהט אַ גוטע צייט, מיר דאַרפען שוין לאַנג נישט וואַרטען, עס וועט זיין גוט—אין הונדערט יאָהר אָרום...

לויתן

דער ראַיאָן = צוזאַמענפאָהר פון סוחר'טום פון טשענסטאָכאָווער קרייז.

זונטאג דעם 13 ד. ח. איז אין זאַל פון די פייערלעשער פאָרגעקומען א ראַיאָן-צוזאַמענפאָהר פון סוחר'טום פון אונזער קרייז.

געעפענט דעם צוזאַמענפאָהר און אָנגעפיהרט מיט'ן גאַנצען גאנג פון די אונטערהאַנדלונגען האָט דער פרעזעס פון דער אינדוסטרי און האַנדעלס-קאַמער אינזש. גאדאמסקי. אַלס אסעסאָרען זענען איינגעלאַדען געוואָרען די וויצע-פרעזעסען ליקיעניק און גרושצינסקי, ראַטמענער פון דער קאַמער; רעד. ווילקאָשעווסקי, ז. שטילער, ח. וויינשטאָק, סיים-דעפוטאַט דר. ביליכאָווסקי, מישאַראָווסקי און פון וואַרשא די ה"ה יאַקובאָווסקי, רעד. שטשערבינסקי און ד"ר זילבערשטיין.

דעם ערשטען רעפעראַט האָט געהאַלטען דער דיר. ר. דיטריך וועגען דער טעטיגקייט פון דער קאַמער פאַר דער לעצטער צייט. ער בעטאָנט, אַז די ווירטשאַפטליכע לאַגע האָט זיך פיעל פערערגערט אין פערלויף פון יאָהר, ווען ער האָט געהאַט די מעגליכקייטען צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די ברייטערע שיכטען אויף דעם לעצטען ראַיאָן-צוזאַמענפאָהר. ער רעכענט אויס א גאַנצע רייהע פראַגען, וועלכע די קאַמער האָט ערלעדיגט און אונטערוועגירט, כדי צו לינדערן די שווערע לאַגע פון די סוחרים, הויפטזעכליך אין שטייער-פראַגען, סאָציאַלע פערזיכערונגען און צאהל-אנגעלעגענהייטען. די קאַמער האָט אויך מיטגעהאָלפען צו פערבעסערען די באַהן - קאָמוניקאַציע, פּאָסט און טעלעפאָן-פערבינדונג.

דעם צווייטען רעפעראַט וועגען שטייערען אין יאָהר 1932-33 האָט געהאַט דער סיים-דעפוטאַט דר. טשערניכאָווסקי, וועלכער בעמערקט, אַז דער פערגרעסערטער בודזשעט איז נישט ענטשטאַנען פון נייע בעשטייערונגען פאַר דער מלוכה, נאָר צוליעב דער ענטוויקלונג פון ווירטשאַפטליכען לעבען אין דער פריגער, גינסטיגער פּאַזע. די פערגרעסערטע בודזשעט סומען זענען געוואָרען פערבויכט אויף די האַנדעלס-פּלאַטען, גדיניע, און כעמישע פאַבריק „מאָשטשיץ". דער יעצטיגער בודזשעט וועט האָבען אַ דעפיציט פון 77 מיליאָן. ווען ער זאָל פערגלייכען דעם יעצטיגען בודזשעט מיט דעם פריגען, איז דער יעצטיגער רעדוצירט געוואָרען אויף 357 מיליאָן אין די אויסגאַבען פון אַלע מיניסטעריומס. די איינקונפטען זענען פערלימינירט געוואָרען אויף 190 מיליאָן ווייניגער ווי אין יאָהר 1929-30. דער אומזאַץ-שטייער, וועלכער בעטרעפט 11 פּראָצ. פון אַלע איינקונפטען פון דער מלוכה, איז יעצט פערלימינירט געוואָרען אויף 59 מיליאָן ווייניגער. דער רעפערענט אַנערקענט, אַז דער. אומזאַץ-שטייער איז נישט קיין ראַציאָנעלער, אַז ער בעלאַסטעט צו שטאַרק און דאַרף אָבגעשאַפט ווערען, נאָר דאַמאָלס, וואָלט דער שטייער געמוזט פערטרעטען ווערען מיט אַנדערע איינקונפטען. דערווייל האָט די רעגירונג געפונען א קאָמפּראָמיס פון שטופּענווייזע רעפאַרמען פון פערקלענערונג פון אומזאַץ-שטייער אין יעדען יאָהר, וואָס עס וועט דויערען ביז דעם יאָהר 1937. עס איז פערגרעסערט געוואָרען דער איינקונפט-שטייער פון געהאַלט און גרויסע פערדיענסטען פון רענטען, היפאָטעקשרייבער און קאָמאַרניקעס און דער געהעכערטער אויף 3 פּראָצ. פּאָדאַטעק פון הייזער, (פון 7 אויף 10) דאַרף בעטראַכט ווערען אַלס קריזיס-שטייער. דערנאָך האָט דער רעפערענט בעגרינדעט דאָס העכערען פון לאָקאַל-שטייער פון 8 אויף 12 (פון דער העכערונג זענען בעפרייט לאָקאַלען ביז 4 צימערען) און איינפיהרען א נייעם שטייער פון עלעקטרישען שטראָם אין דער הויך פון 10 פּראָצענט.

זעהר א שעהנעם און געלונגענעם רעפעראַט האָט געהאַט דער דעלעגאַט פון וואַרשאַווער סוחרים-פעראיין, דר. ר. זילבערשטיין, וועגען ריטשאַלט פון אומזאַץ-שטייער. ער ווייזט אויף, אז דער אומזאַץ-שטייער אין דער יעצטיגער פאָרם איז נישט קיין ריכטיגער און ברענגט גרויסע שאָדען'ס, וואָס דאַרפט רעפאָרמירט ווערען, ווייל מען דאַרף איהם נעהמען אויף איין אָרט און נישט אין עטליכע פּאָזען, וואָס פערטייערט די סחורה. ער ווייזט אויף דריי מעגליכקייטען פון איינקאַסירען דעם שטייער: 1) ביים פערקויפען די סחורה דעם קאָנסומענט, 2) ביים פערקויפען דעם דעטאַליסט און אין דער אינדוסטריע. ער ווייזט אָן דאָס אמבעסטען וואָלט געווען צו נעמען דעם שטייער ביים פערקויפען די פערטיגע סחורה דורך דעם אינדוסטריעלער צום הורט-סוחר.

וועגען לאַיאַליטעט און האַנדעל האָט גערעדט דער רעכטס-קאָנסולענט פון דער קאַמער, דר. ברוין. ער ווייזט אויף, אז אין א גרויסער מאָס, זענען די סוחרים שולדיג אין דעם יעצטיגען קריזיס, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נישט עהרליכער קאָנקורענץ, וואָס דאַרף בעקעמפט ווערען, דען עס איז אין געגענשפרוך מיט דער עטיק פון סוחר. די קאַמער בעמיהט זיך, דאָס עס זאָל אַרויסגעגעבען ווערען א פעראָרדנונג צו שטערען די פערמיטלונג אין דער גאַס דורך אזוי גערופענע „לאַפּאַטשעס", וועלכע ווערבירען קליענטען, וואָס עס לאָזט זיך הויפטזעכליך בעמערקען אין טשענסטאָכאָוו, סאָסנאָוויץ און בענדין.

דער רעדאַקטאָר שטשערבינסקי, דעלעגאַט פון די פּוילישע סוחרים, האָט געהאַלטען א רעפעראַט וועגען די אַקטועלע בעדערפנישען און פּאָסטולאַטען פון סוחר'טום. ער ווייזט אויף, אַז די רעגירונג מאַכט א גרויסען פעהלער, ווייל זי בעגרעניצט די פּריוואַטע איניציאַטיוו און רוקט אַרויס אויפ'ן ערשטען פּלאַן די אינטערעסען פון קאָנסומענט. דער קריזיס האָט בעהערשט אויך אַנדערע לענדער. עס זענען אָבער פּערהאַן אַזאַלכע מלוכות, וואו דער קריזיס האָט נישט אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען ווי ביי אונז, צ. ב. פראַנקרייך, טשעכיען, וואו דער קריזיס האָט מילדערענדע פאָרמען, ווייל דאָרט ווערט דער מיטעלער אַרבייטס-וואַרשטאַט געשטיצט דורך דער רעגירונג. מיר דאַרפען נעמען פון דאָרט א מוסטער, ווייל דער ביז-יעצטיגער סיסטעם פון שטיצען די גרויס-אינדוסטריע, קאַרטעליזאַציע און סינדיקאַליזאַציע וועט צופיהרען צו א רואינע. אונזער חוב איז

ביי נידערגעשלאָגענע מענשען,
אונפעהיגע צו דער אַרבייט, שאַפט א נייע צירקולאַציע פון בלוט דאָס נאַטירליכע ביטער-וואַסער
FRANCISZKA JÓZEFA
און הויבט דאָס געדענק און אַרבייטס - פערמעגען.

אָנצווייזען דער מלוכה, אַז זי דאַרף ענדערן איהר ביז-יעצטיגע טאַקטיק און עפנען אין האַנדעלס - מיניסטעריום א דעפּאַרטאַמענט פאַר'ן אינערליכען האַנדעל, ווי אויך דאַרף געענדערט ווערען די קרעדיט-פּאָליטיק פון דער רעגירונג, ווייל קיין סוחרים געניסען נישט פון קיין קרעדיטען. אויך דאַרף רעגולירט ווערען די בעציהונג פון דער גרויס-אינדוסטריע צום האַנדעל, ווייל די פאַבריקען עפנען לעצטענס אייגענע געוועלבער. ער פאָדערט אויף די אַנוועזענדע, אַז אַלע זאָלען זיך פערשרייבען אַלס מיטגלידער אין זייערע פעראיינען.

אין דער דיסקוסיע נעמען אַנטייל א גאַנצע רייהע פערזאָנען און עס ווערען אָנגענומען 3 רעזאָלוציעס וועגען בעקעמפען דעם אונלעגאַלען האַנדעל; ווענדען זיך צו דער אינדוסטריע און האַנדעלס-קאַמער, דאָס זי זאָל אינטערווענירען, אז די „באַנק פּאָלסקי" און „באַנק גאָספּאָדאַרסטוואַ קראַיאָוועגאָ" זאָלען געבען געוויסע געביטען פון קליינהאַנדעל און אינדוסטריע ספּעציעלע קרעדיטען און וועגען אינטערפּעלירען אין דער צענטראַלע פון דער פּוילישער באַנק אין וואַרשא, אַז די וועקסלען זאָלען פּראָטעסטירט ווערען דעם צווייטען טאָג.

נאָך 6 שעה אונערמידליכע דיסקוסיעס האָט דער פּאָרזיצער אינזש. גאַדאָמסקי געשלאָסען דעם צוזאַמענפאָהר.

עס איז אויך איינגעלאָפען א בריעף פון וויצע-פרעזעס פון דער קאַמער ה' מוריצי נייפעלד, אַז צוליעב זיין שוואַכען געזונד - צושטאַנד האָט ער נישט געקענט נעמען קיין אַנטייל אין דעם צוזאַמענפאָהר.

מ. ק.

אויסערגעוועהנליכע זיצונג פון נייעם קהלה-ראַט.

(עוף פון זייט 2)

וועט פאַר דער רעזאָלוציע נישט שטימען איבער פאָלגענדע מאָטיוען: 1) האָט די אַגודה - פּראַקציע נישט געשטימט געגען דעם פּרעזידיום און 2) איז נישט בעוואוסט ווי אַזוי דאָס פּרעזידיום וועט אַרבייטען. אויב זיי וועלען אַרבייטען ווי געהעריג, וועט די אַגודה-פראַקציע גערן מיטאַרבייטען.

עס רעדען נאָך די ה"ה דר. בראַם און שפּירא און מען טרעט צו צו דער אָבשטימונג. די ערשטע פראַגע וועגען די רעזיגנאַציע פון קהלה-פּרעזעס פון ראַט פאַלט אָב מיט אַלע שטימען, דאַגעגען די צווייטע פראַגע וועגען אויסדריקען א פּראָטעסט געגען פּרעזידיום פון דער פערוואַלטונג הויבען זיך אויף 6 הענד (4 ציונים, 1 מזרחי, 1 קליינע.) און 4 האַלטען זיך אָב פון שטימען (3 אַגודה. און 1 פּילצער).

מיט דעם ווערט די קאָנפערענץ געשלאָסען.

היינט פרייטאָג—„די ריכטער" איז קאַמעראַל-טעאַטער.

נאָך לענגערע פּאָרבערייטונגען קומט פאָר היינט, פרייטאָג, דעם 18 ד: ח. האַלב 9 אָוונד אין שטאָדטישען קאַמעראַל - טעאַטער דער אויפטריט פון דראַמאַטישען קרייז ביים „טאַז", וואו עס ווערט געגעבען „די ריכטער" פון סט, וויספּיאַנסקי.

מיט א רעפעראַט וועגען וויספּיאַנסקין און זיין בעציהונג צו יודען וועט אַרויסטרעטען דער רעזשיסער פון שטאָדטישען טעאַטער ה' אַנטאָני פּיעקאַרסקי, וועלכער האָט אויך רעזשיסירט מיט'ן דראַמאַטישען קרייז „די ריכטער".

אויסער דעם ווערט אויך אויף דעם אָוונד געגעבען א רייכער קאָנצערט-טייל.

עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק אז די היגע יודישע אינטעליגענץ וועט צאָהלרייך בעזוכען דעם היינטיגען אויפטריט פון דראַמאַטישען קרייז, ווען ענס גאַנצע הכנסה איז בעשטימט פאַר'ן „טאַז".

די קאָנסטיטואירונגס-זיצונג פון דער פערוואַלטונג פון די דערגענצונגס-קורסען פאַר טערמינאַטאָרען.

פערגאַנגענעם מאָנטאָג איז פאָרגעקומען די קאָנסטיטואירענדע זיצונג פון דער פערוואַלטונג פון די דערגענצונגס-קורסען פאַר טערמינאַטאָרען ביי דער יודישער האַנדווערקער-שולע.

אין דער זיצונג האָבען אַנטייל גענומען אויסער די שטענדיגע מיטגלידער, וואָס זענען געוועהלט דורכ'ן היגען האַנדווערקער - פערבאַנד אויך די ה"ה: וו. זשעריקער, פרוי אינז. דאַווידאָוויטש, א. פרידמאַן, צאַהן-דאָקטאָר א. בראַניאַטאָווסקי און א פאָרשטעהער פון מאַגיסטראַט ד' סטאַלאַ.

די זיצונג עפענט פּרעזעס ד"ר גייסלער. נאָכדעם ווי עס ווערען אַדורכגערעדט לויפענדע פראַגען, ווערט אויסגעוועהלט פאָלגענדער פּרעזידיום:

פאָרזיצער — ס. מיטלער, וויצע — פרוי אינז. דאַווידאָוויטש, קאַסירער — וו. זשעריקער, סעקרעטאַר — י. גאָלדבערג.

פרייליכע ווייַנאַכט-שטימונג

הערשט אין דער פאַמיליע, וואו די ווירטין האָט געדענקט וועגען געשמאַקע קיכלעך. ווי גערן עסען מיר יום-טוב פערשידענע נאַשערייען, וועלכע ווירקען צו דערהויבען די שטימונג. די פרויען, וואָס ווילען צוגרייטען אייגען געבעקס וועלען מיט פרייד בעגריסען ד"ר עטקערס ביכעלע, אויסגאַבע „עף" מיט קאָלירטע אילוסטראַציעס, וואָס ענטהאַלט א סך אָנווייזונגען און פאָרשריפטען, הויפטזעכליך אויף יום-טוב-געבעקס. דאָס ביכעלע קען מען בעקומען פאַר 40 גר. וואָס פערקויפט דר. עטקער'ס אויסאַרבייטונגען.

צו דער עפענטליכקייט

די וואָך זונטאָג בין איך גערופען געוואָרען דורך ה' פ. יאַרזאָמבעק אויף א קאָנפערענץ וועגען אונזער מס"ר אין דער וואוינונג פון ה' וו. לאַנדוי אַלעע 16, וועלכער געהער צו דער זעלבער בראַנזשע.

אזוי אָבער ווי כבין נאָר געקומען האָבען זיך אויף מיר געוואָרפען די ה"ה אברהם גריקס מאַן מיט זיין זוהן ראַחעק און מיך געשלאָגען מ:ת רצה, מאַכענדיג מיר עטליכע בײלען אין קאָפּ.

דער דאָזיגער ווילדער טהאַט האָט אויף אַלע אָנוועזענדע געמאַכט א שוידערליכען איינדרוק, וואָרום אַלע האָבען געוואוסט, אַז מיין ס"סוך מיט'ן ה' גליקסמאַן איז שוין לאַנג ערלעדיגט געוואָרען דורך א עהרען געריכט.

איך גיב דעם פאַקט פאַר דער עפענטליכקייט, און דער עפּילאָג וועט ענטשיידען ווערען אין געריכט

שמואל דוד שנייער.

רעוומאַטיזם אָדער עפּיס אַנדערש —

די הויפּט-זאַך איז, איך פיהל מיך ווידער פולקאָם געזונד און קען ווי פריהער אַרבייטען, שרייבט אונז צוו. א. פרוי וו. סוסקאַ, וואַרשא, סטאַרע מיאַסטאָ 4-6. א סך יאָהרען האָב איך זיך אַרומגעדאָקטערט בכדי פּטור צו ווערען פון מיינע שמערצען, וועלכע איך האָב געפיהלט באַלד אין די פּלייצעס, באַלד אין די הענט און פיס. דאָס איז אודאי פונ'ם וועטער, א פערקיהלונג — האָבען מענשען געזאָגט, דאָ העלפט נור די וואַרעמקייט, אָבער איך האָב אין בעט גישט געקענט אויסהאַלטען; דאָס איז רעוומאַטיזם אָדער גיכט — דאָ מוז מען דיעט לעבען, האָבען אַנדערע געזאָגט איך האָב טאַקי כמעט קיין פלייש נישט געגעסען און פערשידענס פון דער אַפּטייק אויסגעפּרובט. עס איז מיר אָבער וואָס אַמאָל ערגער געוואָרען, וואָס דאָס איז באמת געוועזען, קען איך עד היום נישט זאָגען. דער עיקר איז, זייט איך האָב אָנגעהויבען נעמען טאָגאַל פיהל איך יעצט גאָרנישט פון מיינע פריהערדיגע שמערצען, און קאָן טאַקע נאָרמאַל אַרבייטען. טויזענדער געפּלאָגטע זענען דורך טאָגאַל צוריק געזונד געוואָרען! ביי רעוומאַטיזם, פּאָדאַגרע, רייסען אין די געלענקען, ברעכען אין קויזש, נערווען-און קאָפּ-שמערצען, גריפּע, פערקיהלונגען און עהנליכע קראַנקהייטען ווירקען טאָגאַל-טאַבלעטען שנעל און זיכער. טאָגאַל שטילט נישט נור די שמערצען, נור איז אויך עוקר מן השורש די קראַנקהייט. אפילו ביי לאַנג-יעהריגע ליידען האָט מען איבעראַשענדע ערפאָלגען דערגרייכט. איבער 6000 דאָקטוירים אַטעסטאַטען. פּרובט נאָך היינט אַליין אויס, אָבער פערלאַנגט אין אייער אייגען אינטערעס נור טאָגאַל; ס'איז נישטאָ קיין בעסער מיטעל. אין אַלע אַפּטייקען.

Koleżance naszej GUTCE NAJMAN z powodu śmierci
nieodżałowanej Jej Matki b p. CHANY
wyraża szczerze współczucie
Oddz. V-a Szk. Pow. № 13.

דאָס פוטער-געשעפט פון די פירמא
פיק און זשעלינסקי
טשענסטאָכאָוו, 1 אַלעע 3
פּראָנט ערשטער שטאָק
איז פערזעהען צום קומענדען סעזאָן מיט א גרויסען אויסוואַהל
פון אַלערליי פוטער-סחורות,
ווי פערשידענע פעל, בלאַמען, קעלנער, פעלצלעך אויך פערטיגע און בעשטעלטע דאַמען און הערען-פוטערס א. א. א.
ביליגע פרייזען! — — — — רעיעלע בעהאַנדלונג!
קומט און איבערציינגט אייך!
אַכטונג: פּראָנט ערשטער שטאָק.

SALON ART. „FOTO-LONIA"
ALEJA WOLNOŚCI № 1.
ליעבהאָבער פון פאָטאָגראַפיע!
אויב איהר האָט נאָך נישט בעזוכט דעם נייעם פאָטאָגראַפישען סאַלאָן
פאָטאָלאָניע, אַלעע וואָלנאָשצי 1
ווי ס'ווערען געמאַכט די אָריגינעלסטע קינסטליכע אויפנאַמען.
קומט און איבערצייגט אייך!
פאַר שפּאָט ביליג, דאָס הייסט 12 פאָטאָגראַפיעס נאָר 3 זלאָטעס.
דער זאַקלאַד איז אָפען פון 9 פריה ביז שפּעהט אין דער נאַכט, ליכטיג און וואַרעם.
מיר גאַראַנטירען פאַר סאָלידע אַרבייט! — — — פּינקטליכע אויספערטיגונג!

Radjoaparaty i Radjosprzęt
Armatury żyrandole i grzejniki elektryczne
Łożyska kulkowe S. R. O.
Opony samochodwe „Firestone"
Pasy transmisyjne
Wszelkie artykuły techniczne i elektrotechniczne
Wanny kąpielowe odporne na kwasy
Stale świeże baterje anodowe poleca:
Biuro Techniczne „UNION"
Sp. z o. o.
PANNY MARJI 14. TEL. 770

קליינער פעליעטאָן.

זיין עצה...

איך האָב זיך געגרייט צו שרייבען א קליינעם פעליעטאָן און ווי געוועהנליך האָב איך געוואָלט שרייבען וועגען די פאָרגעקומענע פרעזידיום-וואַהלען און דעם רעש, וואָס דאָס האָט אָנגעמאַכט אין שטאָדט.

עס איז א דאַנקבאַר מאַטעריאַל און עס קאָן סטייען נישט בלויז אויף איין פעליעטאָן, נאָר אויף א גאַנץ יאָהר פעליעטאָנען.

איך האָב מיר שוין געהאַט פערצייכענט א גאַנצען פּאַק קוריאָזען, ווי אַזוי גרויסע דערוואַקסענע מענשען האָבען זיך בענאַרישט. איך האָב געוואָלט דערציילען וועגען מענשען, וואָס האָבען פערלוירען די קעפּ.

אַזעלכע און נאָך עהנליכע קוריאָזען, האָב איך נעהאַט פערצייכענט א סך, כדי זיי אויסצונוצען פאַר מיין פעליעטאָן, נאָר ווען איך האָב שוין געהאַט אַלץ צוגעגרייט און זיך שוין געוואָלט נעמען צו דער מלאכה, עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין מיין שכן און אייער גוט - בעקאַנטער ישראל יודל.

— ישראל יודל, דערפרעה איך זיך מיט איהם, גוט וואָס איהר זענט געקומען, איך וועל אייך ווייזען מיין מאַטעריאַל, פון וועלכען איך גרייט זיך צו מאַכען א גרויסאַרטיגען פעליעטאָן און אזוי רעדענדיג ווייז איך איהם מיין נאָטיץ-ביכעל.

— וואָס?—שרייט אויס ישראל יודל —איהר געהט שוין ווידער שרייבען וועגען די אומגליקליכע קהלה - וואַהלען? אָבגעהיטען זאָלט איהר ווערען. האָט רחמנות אויף זיך, אייער פרוי און קינד, מאַכט אייך נישט אומגליקליך מיט אייערע פעליעטאָנען.

— וואָס, זאָג איך, אומגליקליך מאַך איך זיך? פאַרוואָס? וועמען טהו איך דערמיט שלעכטס?

— רעדט נישט קיין שטותים, שרייט אויף מיר מיין שכן און געהיימניספול גיט ער מיר אָנצוגעהערען, אַז איך זאָל בשום אופן נישט שרייבען וועגען די קהלה-וואַהלען, וואָרום— רעדט ווייטער ישראל יודל — גענוג צרות וועט איהר נאָך האָבען צוליעב דעם יענע-וואָכעדיגען פעליעטאָן, מען וועט אייך נאָך גענוג זידלען און אייך אויסשמירען מיט בלאָטע. דעריבער איז מיין עצה: לאָזט אָב, וואָרום מען איז גרייט אייך מקפח פרנסה צו זיין פאַר אַזאַ אונשולדיגען פעליעטאָן.

— וועגען וואָס דען זאָל איך שרייבען פרעג איך איהם—אַז איך האָב קיין מאַטעריאַל נישט צוגעגרייט, שרייבט וועגען—זאָגט מיין שכן—וועגען דער מחלוקה פון כינאַ מיט יאַפּאַן און די ראָלע פון פעלקער-בונד אין דער פראַגע.

שרייבט וועגען די גליקען, וואָס אונז יודען שטעהט פאָר, ווען די היטלער-לייט וועלען איבערנעמען די מאַכט אין דייטשלאַנד, אַז נישט קענט איהר מאַכען א גאַנץ נישטקשה'דיגען פעליעטאָן וועגען די נייע גאַסען, וואָס מיר האָבען אין טשענסטאָכאָוו, אַזוי, אַז אַפילו א געבוירענער טשענסטאָכאָווער קען צוליעב זיי פערבלאָנדזשעט ווערען.

אויך קענט איהר האָבען גענוג מאַטעריאַל, ווען איהר וועט שרייבען וועגען די הייסע נאַציאָנאַלע יודען, וואָס מיידען דוקא אויס יודישע אַרבייטס-קראַפט, אָט קען איך אייך אַליין דערצעהלען א פאַקט—זאָגט ישראל יודל— פון א כשר'ען יוד, א חברה-קדישא-מאַן וואָס האָט געהאַט אַ ביסעל סטאָליער-אַרבייט און יודישע טישלער זענען געלאָפען צו איהם, זיך ממש געבעטען וועגען ביסעל אַרבייט און דוקא האָט ער עס אָוועקגעגעבען נישט קיין יוד.

אָבער, אַז איהר ווילט — שפּרינגט אויף מיין שכן — קענט איהר שרייבען וועגען רעטונגס-קאָמיטעט, סיי וועגען דעם אַלגעמיינעם שטאָדטישען, וואָס טיילט שטיצע גאַנצע 6 (זעקס) גילדען א חודש פאַר א פאַמיליע אויף צו לעבען און טאָמער חס-ושלום פערדינט עמיצער פון דער פאַמיליע נאָר 10 גראָשען א חודש ווערט שוין די גאַנצע שטיצע אָוועקגענומען. און אויך קען מען שרייבען א סך וועגען דעם יודישען הילפס-קאָמיטעט, וועלכער איז נעביך אַליין הילפלאָז און איין גאָט זאָל זיך איבער איהם דערבאַרימען, אַז עס זאָל שוין ווערען פריהלינג, כדי די טאַשען פון אונזערע קמצנים זאָלען ענדליך אויפטייען, ווייל צוליעב זייערע פערפרוירענע סאַשען ווערען דערווייל די אָרימע געפרוירען.

— אָדער, ווען איהר ווילט שוין נישט שרייבען וועגען די אַלע טעמעס—רעדט ווייטער מיין שכן, דאַן שרייבט באַדיי וועגען דער גרויסער רעווי, וואָס קומט פאַר מאָרגען שבת אין „גראַנד-קינאָ" און וועגען די הכנסות, וואָס זענען בעשטימט אויף אַזאַ וויכטיגען צוועק ווי אויפצוהאַלטען די אָכראָנקע מיט 260 אָרימע קינדערלעך.

שרייבט וועגען וואָס איהר ווילט, קלאַפּט ער אין טיש אַריין, נאָר נישט וועגען דער קהלה, יעדענפאַלס נישט יעצט, נישט היינט, איך בין אייך א גוטער פריינד און איך ווייס, אַז זיי, אייערע גוטע פריינד, וואָס שמייכלען אייך כלומרשט אין פנים אַריין, ווילען אייך הינטען אַרום בעשפּייען און זידלען און איך וויל נישט, אַז איהר זאָלט זיי געבען די מעגליכקייט, גענוג שקרים מיט פּליאָטקעס טראָכט מען אויף אייך אויס, צי וואָס טויג אייך דאָס, אַז איהר זאָלט זיי נאָך געבען מאַטעריאַל...

איך האָב אויסגעהערט די רייד פון מיין טרייען שכן און איך בין מודה אַז ער האָט רעכט, נאָר אייך זאָג איך קען איך נישט פערשטעהן, וואָס האָבען די מענשען צו מיר, פאַרוואָס ווילען זיי געהן אויף מיין לעבען, זיי פערזענליך האָב איך דאָך גאָרנישט געטהון, נאָר ווידער דאָס אייגענע, אַז מען שמועסט, אַז מיר לעבען אין אַ יושר'דיגער וועלט...

איך האָב אַפילו אַ טבע צו געהן מיין וועג, נאָר דעם הומאָר צו שרייבען דעם קהלה - פעליעטאָן, האָט מיר מיין שכן שוין אַוועקגענומען.. סמאָל.

דער יום=טוב פון פרייד–ווייהנאכט

דערנעהנטערט זיך און שטראהלט מיט ליבע, וואס פליסט פון האַרץ צו האַרץ. ביים קריסטבוים דערפי־לען זיך די הייסטע פערלאנגען און די לאנג דערוואַרטעטע האפנונגען. אזוי איז שוין לאנג דער טראַדיציאָנעלער מנהג. דער אנגענעהמסטער געשאַנק פון דער היזווירטין וועט זיין דאָס

געשמאַקע און מירביג ווייהנאַכטס - געבעקס

וואָס פערגרעסערט די פרייד און די יום-טוב'דיגע שטימונג. מ'בעט אויסוועה־ן צווישען דער צאהל ד"ר עטקערס פאַרשריפטען און אבצובאַקען אויף ד"ר עטקערס פראָשעק „BACKIN" און דאָס געבעקס וועט נישט בלויז גוט זיך איינגעבען. נאָר עס וועט אויך אויסגעצייכנעט שמעקען.

דאָס ביכעלע פון Dr. OETKER מיט רעצעפּטען אויסגע־ מיט קאָלירטע אילוסטראַציעס, קען מען בעקומען פאַר 40 גראָשען אין קאָלאָניאַל - געוועלבער, פאַלס זיי פעהלען אויס, דירעקט ביי מיר נאָכ'ן צושיקען פאָסט-מאַרקען. אלס פראַקטיש ווייהנאַכטס-געשאַנק קענען מיר אויך עמפּפעהלען דעם גלענצענדען אפּאַראַט צום באַקען, קאָכען און פּרעגלען „CUD KUCHNI", וואָס מען קען בעקומען אין די גרעסטע געשעפטען פון קוך-געשירען.

Dr. AUGUST OETKER, OLIWA.

פון קליינהענדלער-פערבאַנד.

ווי מען טיילט אונז מיט פון קליינ־הענדלער-פערבאַנד, אלטער מאַרק 13, ווערען אויסגעקויפט פאַר די מיטגלי־דער פון פעראיין, פאַטענטען אויפ'ן יאָהר 1932.

אלע פעראינטערעסירטע דאַרפען זיך ווענדען אין סעקרעטאַריאַט, יעדען טאָג פון האלב 7 ביז 9 אָוועגד.

פון „תומכי-עניים".

צוליעב'ן גרויסען קריזיס, וואָס הערשט איבער דער גאַנצער וועלט, ווי אויך צווישען דער יודישער בעפעלקע־רונג אין אונזער שטאָדט, וועט היינט פרייטאָג, פ' ויגש 7 א זייגער אָוועגד פאָרקומען אין דער שוהל מחזיקי-הדת א גרויסע פערזאַמלונג, וואו עס וועט ארומגערעדט ווערען די פראַגע, ווענען א ברייטע אונטערשטיצונג פאַר די הונדערטער נויטליידענדע יודען אין אונזער שטאָדט.

די אלגעמיינע פערזאַמלונג פון מלביש-ערומים.

פויריגען זונטאג, איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען די אלגעמיינע פער־זאמלונג פון דער חברה מלביש-ערומים.

דער צייטווייליגער פאַרז. יאַקובאָ־וויטש עפענט די פערזאַמלונג און ער־קלערט וועגען דער אַרבייט, וואָס איז אָבגעטהון געוואָרען ביז-איצט.

אלס פאַרזיצער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט ה' משה אָזשינסקי, אלס בייזיצענדע די ה"ה: ה. אופּנער און לעווקאָוויטש סעקרעטאַר—ה' יאַקובאָוויטש

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אָן ה' יאַקובאָוויטש. ער ווייזט אָן, אַז ער האָט מיט מסירות נפש געאַרבייט, אַז די געזעלשאַפט זאָל זיך קאָנען דער־האַלטען ביי איהר עגזיסטענץ. און א גרויסען דאַנק קומט דעם ה' משה שפּאַלטען פאַר זיין אונערמידליכער אַרבייט. אויך איז צוטיילט געוואָרען 52 פּאָר שיך, פאַר 52 קינדער.

אין דער דיסקוסיע נעמען אנטייל די ה"ה: א. ווייס, כעסין, אופּנער, זשיטניצקי א. א.

דעם קאַסע-בעריכט גיט אָן ה' שפּאַל־טען. ווי עס ווייזט זיך ארויס האָט די פערוואַלטונג געהאָט אין משך פון יאָהר הכנסה אויף דער סומע פון 918 זל. מיט 55 גר,

עס ווערט דאַן אָנגענומען דער בודזשעט אויף דער סומע פון 2500 זל.

עס ווערט דאַן געוועהלט א פער־וואַלטונג פון פאָלגענדע פערזאָנען: זשיטניצקי, יאַקובאָוויטש, שפּאַלטען, נוימאַרק און ווייס.

פון דער לאַנדקענטשאַפט-געז.

די צענטראַלע פון דער לאַנדקענט־

א רוטינירטער בוכהאַלטער

בעזוכט פרייע שעה*ן

נעמט אויך אָן צו פיהרען ביכער צו זיך אהיים פאַר צוגענגליכע פרייזען.

ערקינדיגען זיך אין רעדאַקציע פאַר ה.

שאַפט-געזעלשאַפט האָט געעפענט א טוריסטען-קאָלאָניע אין זאַקאָפּאַנע פון 15 ד. ח.

עס ווערען איינגעאָרדנעט 10-טאָגי־גע אויספלוגען אין פערשידענע טער־מינען.

אינפאָרמאַציעס און איינשרייבונגען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט (קאָש־טשושקי 16) פון 8—10 אָוועגד.

שוואַרצע קאַווע אין דער „וואַרטאַ"

זונטאג, דעם 20 ד. ח. אין זאַל פון ספּאָרט - קלוב „וואַרטא" (אלעע קאָש־טשושקי 16) קומט פאָר א „שוואַרצע־קאַווע" (פייף-א-קלאָק). דזשאַז, טענץ, רייכער און ביליגער בופעט און א גאַנצע רייהע סיורפּריזען. אָנהויב 5 נאָכמיטאָג. איינגאַנג 50 גר.

אלע טרעפען זיך זונטאג 5 נאָכמי־טאג אין דער „וואַרטא".

פון דער „לירא".

היינט פרייטאג, 8 אָוועגד, אַרדענט איין די געז. „לירא" א דאַנסינג אין אייגענעם לאָקאַל, אלעע 14. עס זענען פאַראויסגעזעהען פיעל אַטראַקציעס. איינגאַנג פאַר מיטגלידער און סימ־פּאַטיקער.

ספּאָרט.

פון יוד. טורן=ספּאָרט=פעראיין.

די קינדער-גרופּען ענטוויקלען זיך זעהר גוט, ווייל די פערשטענדניס פאַר גימנאַסטיק ביי די עלטערן וואַקסט פון טאָג צו טאָג און זיי פערשרייבען זיי־ערע קינדער צוליעב געזונד-צוועקען און כדי די קינדער זאָלען אַריינבעקו־מען מעהר לעבען. די גרופּען ווערען אָנגעפיהרט דורך פאַכמענישע קרעפטען און אונטער מעדיצינישער אויפזיכט.

די לעקציעס קומען פאָר: פאַר קינ־דער פון 6 יאָהר אָן מיטוואָך 6—7 און שבת 3—4. קינדער פון 11 יאָהר אָן מאָנטאג און דאָנערשטאָג פון 7—8. אויך זענען פערהאַן 2 גרופּען פרייליינס פון ספּאָרט-שפּילען און גימנאַסטיק דינס־טאָג און פרייטאָג פון 8—10. חוץ דעם ווערט בענייט די סעקציע פאַר עלטע־רע פרויען. די לעקציעס וועלען פאַר־קומען מאָנטאג און דאָנערשטאָג פון 6—7 אָוועגד. די גימנאַסטישע מענער־גרופּע איז טעטיג מיטוואָך און שבת.

איינשרייבונגען נעמט אָן דער סעק־רעטאַריאַט.

בר=כוכבא פון פויזען.

דער יוד. טורן-ספּאָרט-פעראיין וועט דעם קומענדען שבת דעם 26 ד. ח. האָבען א באָקסער-מעטש מיט בר-כוכבא פון פויזען. די פויזנער זענען שילער פון בעסטען פוילישען באָקס - לעהרער שטאַם און זענען בעקאַנט אלס זעהר גוטע באָקסער.

פון ספּאָרט=קלוב „וואַרטא":

די לייטונג פון דער באָקסער-סעקציע מעלדעט, אַז דעם 13 ד. ח. איז גע־עפענט געוואָרען און איז טעטיג די דערמאָהנטע סעקציע, וועלכע צעהלט 24 מיטגלידער. די טרעניגגען פיהרט דער טרענער ה' שאָר פון לאָדז.

איינשרייבונגען אין דער באָקסער־סעקציע נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט טעגליך פון 5—7 אָוועגד.

פון דער פוטבאָל=סעקציע.

זונטאג, דעם 20 ד. ח. 9 אָוועגד קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל די אלגעמיינע פערזאַמלונג פון די מיטגלי־דער פון דער דערמאַנטער סעקציע, אויף וועלכער עס וועלען אַרומגערעדט ווערען זעהר וויכטיגע פראַגען. אלע מיטגלידער דאַרפען זיין אנוועזענד.

נ. ש.

א ביתר'יסט צופוס ארום פוילען.

אונזער רעדאַקציע האָט בעזוכט ה' לייב לעוויטאַן, אָנפיהרער פון ברית טרומפּעלדאָר אין דאָקשיצא, וועלכער מאַכט א מאַרש צופוס ארום פוילען.

ה' לעוויטאַן איז אַלט 21 יאָהר, דעם 9 אָקטאָבער איז ער ארויס פון דאָק־שיץ און ביז היינט האָט ער שוין אדורכגעמאַכט א מהלך פון 1576 קילאָ־מעטער, בעזוכענדיג א גאַנצע רייהע גרעסערע שטעדט, ווי: ווילנא, גראָדנא, ביאַליסטאָק, וואַרשא, קראָקא, ראַדאָם, קעלץ, קאַטאָוויץ, סאָסנאָוויץ. איצט קומט ער פון ראַדאָמסק און זיין ווײ־טערער מאַרשרוט איז: לאָדז.

דער הויפּט-צוועק פון זיין אונטער־נעהמונג איז זיך צו בעקענען מיט דער טעטיגקייט פון די ביתר'אָוצעס אין לאַנד,

ה' לעוויטאַן מאַכט דעם איינדרוק פון א שעהנעם געזונד - געבויטען יונ־גערמאַן, ער האָט זיך אויסגעצייכנעט אויף א רייהע ספּאָרט-געביטען און בע־קומען אויסצייכנונגען.

לעוויטאַנ'ס ברודער איז דער בע־קאַנטער זשורנאַליסט ליפּא לעוויטאַן אין ארץ-ישראל.

מיר שענקען זיי די נדבה...

פערגאַנגענעם זונטאג איז פאָרגעקו־מען א פּינג-פּאָנג מעטש, צווישען אונ־זער ספּאָרט-קלוב „הפועל" מיט'ן קלוב „גוויאזדא". ביז'ן פינפטען טיש האָבען מיר געהאַט רעמי, נאָר שפּעטער, ווען עס האָבען געשפּיעלט דער חבר זיל־בערבערג (הפועל) מיט'ן ה' טענענבוים (גוויאזדא) האָט דער לעצטער געמאַכט 20 גאָלען און אונזער חבר 19, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט אונזער חבר געקלאַפּט דעם צוואַנציגסטען גאָל. דער ריכטער ה' בוכהאַלטער האָט נישט גע־וואָלט אנערקענען דעם גאָל, איז ארויסגעקומען א סכסוך האָט די „גוויאַז־דע" (דער מעטש איז פאָרגעקומען ביי זיי אין לאָקאַל) אלס נקמה צוגעכאַפּט די קאַסע.

דעם דאָזיגען פאַקט גיבען מיר פאָר דער עפענטליכקייט און דערביי מעל־דען מיר, אַז מיר שענקען אונזער געלד דער „גוויאַזדע", אלס נדבה.

די פערוואַלטונג פון ספּאָרט=קלוב „הפועל", ביי דער יוגענד=אָרגאַניזאַציע „פרייהייט".

לעזט אויפמערקזאַם!

דאָס ניי-געעפענטע געשעפט אונטער דער פירמע „JABŁORYB", אלעע 12, האָט איינגעאָרדענט צוליעב דער בעקוועהמליכקייט פון געעהרטען פּובליקום אין ספּעציעלע צימער'ן ביים געשעפט א קוך ווי מען קען בעקומען א גאַנצען טאָג פריש געקאָכטע, שמאַקהאַפטע פיש אויך פליישיגע קאָלאַציעס, צו זעהר ביליגע פרייזען, עס איז אויך איינגעאָרדענט געוואָרען א אָבטיילונג פון מער־שידענע רויכער-פליישען ווי: וואָרשט, אויפשניט, ווורשטלעך אד"ג, יעדען טאָג פריש, צו קאָנקורענץ פרייזען. קומט וועט איהר זיך איבערצייגען.

מיט אַכטונג: „JABŁORYB", Aleja 12

נייעסטע און ביליגסטע גומי=אבצאַסען „WESTA"

שוין צו בעקומען אין דער פירמא

M. BIRNBAUM, CZĘSTOCHOWA, Prosta № 1.

קויפענדיג „וועסטאַ"-אָבצאַסען בעקומט איהר בחנם אלומיניום-געשיר.

FUTRA

wszelkiego rodzaju **po cenach przystępnych**

poleca na bieżący sezon

Maurycy KORNBERG

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TEL. 259.

„Grand-Kino"

קאָשטשושקי גאַס.

לעצטער סעאַנס 9.40 אוו.

היינט פרייטאג און מאָרגען שבת צום לעצטען מאָל **ROZWóDKA** מיט נאָרמאַ שערער און קאָנ־ראַד נאַגעל אין די הויפּט-ראָלען.

מאָרגען שבת נאָר 2 סעאַנסען 4 און 5-20 נאָכמיטאָג.

פון זונטאג דעם 20 ד. ח. גרויסע פילם=פּרעמיערע!

ZEW KRWI

מיט די בעסטע אויסלענדישע אַרטיסטען - זינגער אין די הויפּט - ראָלען.

איבער'ן פּראָגראַם: נייע קלאַנג=צוגאַבען. — בילעטען פון 1 זל.

Teatr „ODEON"

אלעע 27.

לעצטער סעאַנס 10 אָוועגד.

אויפ'ן 1 סעאַנס קרוזעלאַ 1 זל.

שבת דעם 19 דעצעמבער פּרעמיערע!

POD BANERĄ MIŁOŚCI

איינער פון די אינטערע־סאַנטסטע פּוילישע פילמען אין א נייער קלאַנג אויסגאַבע

מעכטיגע דראַמא פון דער באָלשעוויסטישער איבערקעהרעניש און א שפּיאָנען-אַפערע אין גדיניע.

אין די הויפּט-ראָלען: מ. באָגדאַ, זבישקאַ סאַוואַן, יאַגאַ באָריטאַ, וואַלטער, קאָבוש א.א.

פּרייזען פון 1 זלאָטע.

ערשטער מוסטערהאַפטער קלאַנג=קינאָ

Nowości

אלעע 12

לעצטער סעאַנס 9-30 אָוועגד.

היינט און ווייטערע טעג.

היינט און ווייטערע טעג.

דאָס שענסטע ליבעס-פּאָרל **זשאַנעט גאַינאָר** און **טשאַרלי פאַרעל** אין פילם א. נ.

MELODJA SZCZĘŚCIA

איבער'ן פּראָגראַם: אויף דער ברייטער וועלט און נייער פּוילישער פילם-זשאַן.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawca B. Bocian — Druk. B. Bocian, Aleja 6